STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06209

OYF DI RELSEN FUN IDEALEN

Samuel Burshtyn

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סעמועל בורשטין

אויף די רעלסען פון אידעאלען

ניו יאָרק, 1936

Copyright 1936
By SAMUEL BURSHTYN

New York, N. Y.

POSY-SHOULSON PRESS, 19 W. 21st St., New York City

234



סעמועל בורשטין

אַדאַל ברעזאַר

פרעליוד צו א צוקונפטס ראָמאַן.

א.

אין דעם פאַנטאַסטישען לאַנד פון געגענוואַרט און צוקונפט — איז יעצט אַ גרויסער יום טוב.

דער וואונדער שעהנער מאַרמאָר טעמפעל וואָס האָט געדויערט נאָר איין יאָהר פון אַרכיטעקטאָנישען אויפבוי — האָט נישט קיין גלייכען צו זיך אין גאָר דער וועלט, און די געשיכטע האָט אויך נישט אויפצואווייזען אויב עס האָט אַמאָל עקזיסטירט אַ שעהנערעס פאָלקאָמענערס קונסטווערק — ווי דער טעמפעל וואָס טראָגט דעם נאָמען — „דער טעמפעל פון די פערספעקטיוון".

דריי טויזענט קינסטלער האָבען טיכטיג געווירקט צו שאַפען דעם וואונדערליכען טעמפעל וואָס איז געבויט געוואָרען אין דער שטאָדט פון איינזאַמקייט אויף אַ גרינעם בליהונגס באַרג מיט הויכע ריעזען בוימער אין די טרעפליכסטע אויסזיכט-פונקטען.

און מיט טויזענטער וואונדער-בלומען איז דער באַרג באַגליקט און פון דער ווייטענס זעהען זיך די הערליכע וועלדער וואָס שיינען אַמאָל גרין און אַמאָל הימעל בלוי האַלטענדיג די געהיימניסען פון דער וועלט פאַרבאָרגען.

עטוואָס ווייטער זעהט זיך דער קריסטאַלענער בלויער ים וועל-כער רוהט און באַוועגט זיך אין אַן איבערמענשליכען געזאַנג.

עס פליהען צייטענווייז דורך די שטאָלצע ווייסע ים פייגעל באַוועגענדיג מייעסטעטיש זייערע לייכטע פליגלען, שוועבענדיג אמאָל הויך און העכער — און אַמאָל נידריג צום ים צו — טאַנצענדיג גראַציעז מיט פליגעל שריט אויף דעם בלויען אויבער גרונד פון מילדען ים.

ווייסע, בלויע און גרינע גיגאַנטישע שיפען שוועבען פון צייט צו צייט פאַרביי ווי אַן אייביגער סוד.

אַמאָל זעהט זיך אַ זעגעל שיפעל ווי אַ טרוים פון וויט; — און אַמאָל אַ שיפעל וואָס שטראַהלט פאַנטאַסטיש אין פאַרשידענע פאַרבען און קאָלירען קומענדיג לאַנגזאַם צום ברעג. יעדע שיף וואָס מארשירט יעצט דורך ברענגט אייניגע פערזאָנען.

פון יעדען ווינקעל אין דער וועלט קומען אָן די נייע אידעאַליס־טען וואָס קומען באַשאַפען „אַ וועלט ליריסטישע שפראַך" — די וועלט ליריסטישע שפראַך וועט באַשאַפען ווערען אין דעם „טעמפעל פון די פערספּעקטיוועך".

עס קומען זיך צונויף צוועלף גרויסע וועלט מוזיקער, צוועלף גרויסע וועלט קונסטמאַלער, צוועלף וועלט גרויסע זינגער, צוועלף וועלט גרויסע ליטעראַטען און פאָעטען, צוועלף גרויסע לינגוויסטען און פילאָלאָגען.

און א ריזיגער שטאָב פון וויסענשאַפטלער, פּראָפעסאָרען פון פאַרשידענע געביטען.

די מוזיקער ווילען זעהן צו ווירקען אז די שפּראַך זאָל זיין אזוי מוזיקאַליש ווי נאָר דער העכסטער קולטור באַגריף פון מוזיקאַלישער שענהייט, די לינגוויסטען און פילאָלאָגען ווילען היסטאָריש און וויסענ־שאַפטליך מיטווירקען, די זינגער ווילען עקספּערימענטירען די אויס־שפראַך, די ליטעראַטען און פאָעטען ווילען ווירקען צו דער קול־טור־מדרגה פון ליטעראַטור און פאָעזיע אין העכסטען זין פון וואָרט. די קונסטמאַלער ווילען צייכענען א נייע שריפט, וואָס וועט דורך שעהנהייט באַגליקען אונזערע אויגען ווי א קונסטווערק — א שריפט וואָס וועט זעלבסט אויך א קונסטווערק זיין, און אלע מענשען ווילען עס קענען לערנען, — א שפּראַך וואָס וועט אונז באַשאַפען מוזיקא־לישען גליק, און דערהויבען אונזער זעעלע צו באַגייסטערונג און עקסטאַז, אין וועלט געפיהלען פון פריינדשאַפט און גוטען גייסט, טאָ־לעראַנץ, ליבע און ראַפינירטע וועלט קלוגשאַפט, מיט ציוויליזיר־טעסטע זעלבסט דערקענונג.

אַזוי וועט זיך אויך ענטוויקלען א וועלטליכע פאַראייניגונג פון לויטער אידעאַליסטישען כאַראַקטער — און עס וועט זיך אָנפאַנגען א נייע ערא אין דער וועלט, א נייער פריהלינג און א ווירקליכער לעבען...

ב.

עס איז געווען אין אנפאנג ווינטער, אמאל אין א שעהנעם טאג, איז אנגעקומען א פאסט עראפלאן מיט א געזיכערטען בריעף אויף דעם אדרעס:—

„וועלט ליריסטישער גענעראל שטאב"
שטאדט פון איינזאמקייט.
פינפטעס אבסערוואטאריום,
צו דער אינטער־הימלישער ספערע אויף
דעם פלאנעט ערד.

דער וועלט ליריסטישער גענעראל שטאב האט זיך נאר וואס געגרינדעט און ארגאניזירט — און האבען דארום יעדען בריף אויפגענומען מיט גרויס נייגעריגקייט.

דער בריף האט זיך געלעזען װארטליך טריי ווי פאלגט:—

פארעהרטער וועלט ליריסטישער גענעראל שטאב!

איהר וועט אזוי גוט זיין און נאכפארשען ווי ווייט די נאציאנאליזמען און פאלקס קולטורען האבען געווירקט פאר דעם גליק און וואויל פאר די וועלט און מענשהייט?

ווי ווייט די ביז יעצטיגע רעגירונגען און שטאאטען פון אלע פארמען האבען געווירקט פאר דעם גליק און וואויל צו וועלט און מענש?

פאלגליך אויך די ראלע פון אלע באוועגונגען און ארגאניזאציאנען פון געשיכטליכען אויפנעם — און געשיכטליכען פערעספעקטיוו — פון אונזער געגענווארט, און אויך צוקונפטס אויסזיכט.

אלזא אויך; וואס פאר א שאדען עס ברענגט מיט זיך די אונוויסענהייט — און די אונבאגרינדעטע רעליגיאנען וועלכע קומען אין פיינדליכען קאנטראסט מיט לאגיק און וויסענשאפט?

אלעס טיעף דורכפארשען, באגרינדען מיט טיפען געדאנק, וויסען און חכמה. — די אורזאכען — דעם פרימיטיוו, דעם פראצעס און די רעזולטאטען.

מיט א יאהר שפעטער דארף דאס פארגעפירט ווערען צו דער ליריסטישער וועלט אקאדעמיע.

מיט טרייען אידעאליסטישען גרוס
אדאל ברעזאר.

הויפט סאָציאָנאָם פון דריטען אָבסערוואַ־
טאָריום איבער די אונטער ־ הימלישע
ספערען אויף דעם פּלאַנעט ערד.

גלייך ווי דער וועלט ליריסטישער גענעראַל שטאַב האָט דורכגע־שטודירט דעם בריף — האָט זיך דער קאָמפּעטענטער שטאַב גענומען מיט גרויס באַגייסטערונג צו דער גאָר וויכטיגער שטודיום ארבייט.

דער פּראָגראַם פון די וועלט ליריסטען איז שוין ווייט באַקאַנט אין אלע ווינקלען אין גאָר דער וועלט — די גרונד אידעע באַזירט זיך פּרינציפּיעל און הויפּטזאַכליך אויף דער פילאָזאָפיע, וויסענשאפט, קונסט, פּאָעזיע און אסטראָנאָמיע, — און אויף די צערטליכסטע מענש־ליכע עמפּפינדונגען.

דער ערשטער גרונד געדאַנק — אז יעדער מענש דאַרף האָבען אַלעס וואָס איז נויטיג פאַר זיין נאַטירליכען און גייסטיגען לעבען.

דער צווייטער גרונד געדאַנק — אזוי ווי דער מענשליכער כאַ־ראַקטער און די מענשליכע נשמה איז דורך און דורך אן אינדיווידוּאַ־ליזירטער פּראָצעס דאַרף די סאָציאַלע וועלט זיך געשטאַלטען אויף די פּרינציפּען פון אינדיווידואַליזם צו סאָציאַלער גערעכטיגקייט פון א ליכטיגער מענשליכער אַטמאָספערע.

דער דריטער גרונט געדאַנק — אז די פרייהייט אין אונזער מענשליכער וועלט דאַרף קולטיווירט ווערען, אַז דער מענש זאָל אזוי נאָך פיהלען זיך זעלבסט באַוואוסט צו קענען רעאַגירען פאַר זיינע נויטיגע פליכטען צו וועלט און געזעלשאַפט אין העכסטען זין פון וואָרט, העלפען שאַפען די וועלט און דאָס לעבען אזוי ווייט, אַז דאָס פיעל געטרוימטע גן עדן זאָל זיין אַ ווירקליכקייט אין אונזער רעאַלער וועלט, אַז גליק, פריידיגקייט, ליבע, מענשליכקייט, זאָל רעאַגירען איבעראל; אָרגאַניזירען אלעס דורך לויטערע וויסענשאפט און ציוויליזאציאָן, דורך קונסט און פּאָעזיע.

ג.

צום יום טוב וואָס איז באַשטימט געוואָרען צו יובעלירען דעם אויסדרוק און דערקענונג דעם „טעמפּעל פון די פּערעספּעקטיוּוען" האָבען זיך אויף פאַרזאַמעלט צוויי אבטיילונגען פון דער וועלט ליריכ־טישע לופט פלאָטע, וואָס האָבען ארומגעשוועבט אין דער הויך און אַראָפּ, געוואָרפען פּרעכטיגע וואונדער בלומען, וואָס האָבען פארברייט

אַן אַראָמאַט פון סימפּאָנישע דופטען און קריסטאַליזירטע לופט גרוּ־סען...

אַ קינסטלער אָרקעסטער האָט מוזיצירט פון דער הויך אויף דריי עראָפּלאַנען די מוזיק פון בעטהאָווען, וואַגנער, טשייקאָווסקי און צעזאַר פראַנק, ליסט — און אנדערע. פון דריי עראָפּלאַנען האָט זיך פון צייט צו צייט געהערט א וואונדערליכער איבערמענשליכער כאָר פון דער ווייט, ווי אָנזאָגענדיג דעם מענשען די אַנטפּלעקונג פון פאַר־באָרגענע וועלטען, דאָס ליכט פון נייע האָריזאָנטען!...

צו אַראַנזשירען אַזאַ צערעמאָניע אין דער הויכער לופט ספערע איז געוויס ריזיקאַליש — דאָך די וועלט ליריסטען זענען געוויס גאָר מענשליך און פאַרמיידען אַלעס וואָס קען ברענגען אונגליק, און די וויסענשאַפט האָט שוין אזוי וויט דערגרייכט אז די עראָפּלאַנען זענען געוועזן זיכער דורכאויס, און יעדער איז געווען וויסענשאַפטליך איבער־צייגט און מיט געפיהלען באַגלויבט.

דער הימעל איז געוועזן וואונדערליך ריין און בלוי, און די לופט האָט דעם מענשען צו לעבענס־לוסט און גליק גערופען, און א פריי־דיגקייט האָט געהערשט איבעראַל, יעדער האָט געפיהלט ווי עס שאַפט זיך די נייע וועלט, דאָס נייע לעבען, די נייע ערא!...

א פראַכטפולער זונען אונטערגאַנג האָט זיך באַוויזען און דעם הימעל באַגליקט מיט רויטען פורפור, — און די וואונדער שעהנע עראָפּלאַנען וועלכע זענען געווען אין הערליכע קונסט־פאָרמען געשאַ־פען האָבען ארומגעשוועבט מאַיעסטעטיש ווי אין א באַלעט פון די גרעסטע קינסטלער טענצער, פון דער גרעסטער מוזיקאַלישער פאַנ־טאַזיע.

אָווענט צופאַל איז אָנגעקומען ברענגענדיג מיט זיך אַ לויטערע גליקליכע נאַכט פון לבנה, שטערען.

עס האָבען זיך אָנגעהויבען ווייזען פון דער הויך פאַרשידענע ליכט האַרמאָניען און פאַנטאַסטישע ראַקעטען וואָס האָבען אויסגע־דריקט געוויסע סימבאָלען, געדאַנקען, קונסט און שעהנהייטס אידעען, געוויסע ראַקעטען האָבען אויפגעשטראַהלט מיט מוזיקאַלישע טענער פאַרלירענדיג זיך אין דער ווייטער לופט אטמאָספערע מיט גלאַנץ און פראַכט...

ד.

דאָס ערשטע אָבסערוואַטאָריום וואָס האָט די אויפזיכט צו געזונט און „שעהנהייטס־קולטור״ שטייט אויף א באַרג אין „דער שטאָדט פון בענקשאַפט און באַגער״, גערינגעלט מיט וואונדערליכע שעהנע וועל־דער, גערטנער און בלומען, וואָס פאַרברייטען דורכאויס דעם אַראָמאַט פון געזונט און שעפּפערישע קראַפט.

דאָרטען געפינען זיך די גרעסטע וויסענשאַפטס לייט, און די גרעסטע ערפינדער אויף דעם געביט פון „מענשהייטס־קולטור״ און געזונט — דערפאר זעהען מיר אַז די יעצטיגע דורות זענען אזוי ענטוויקעלט.

יעדער מענש איז אזוי שעהן ווי דער שעהנסטער בליהונגס בוים, און יעדער מענש פיהלט אין זיך די גוטמוטיגקייט, פריינדשאַפט און ליבע צו אַלע מענשען אין דער וועלט, און נאַטירליך אויך צו זיך זעלבסט, וואָס דאָס איז געוויס אויך וויכטיג און נויטיג...

דער מענש פאַנגט גלייך אָן פון די ערשטע יוגענד יאָהרען צו שטודירען דעם לעבענס־וועג, די אייביגע וועלט מעטאָדע פאר אונזער אידעאַל איז אַ פרייער בוך פאַר יעדען אינדיווידום און פאר דער געזעלשאַפט אין אלגעמיין.

נאַטירליך ווערט אויך באַלד פון אָנפאַנג, פון די קינדהייט אָן, די פּסיכישע קראַפט געהויבען און קינסטלעריש באַמייסטערט, צו גלייך מיט די פיזישע קראַפט — אזוי אז יעדער איינצעלנער ווערט א זעלבסט באַוואוסטזיניגער, א זעלבסט ערקענונגס פענאָמען — מאַני־פעסטירענדיג מיט זיך די געהיימע איבערמענשליכע קרעפטען פון א וויט דערגרייכטע וועלט, אַן אַרטיסט וואָס קען זיך זעלבסט מעכטיג באַמייסטערען, אזוי ווי אויך די געזעלשאַפט אין אלגעמיין — קען טרי־אומפירען „ווירטואָזיטעט״ אין „סאָציאלע מייסטערשאַפט״ ביז צו די העכסטע דערגרייכונגען פון א געהויבענעם קולטור באַגריף.

קענען מיר שוין באַגרייפען די אָרגאַניזירטע קרעפטען פון אונ־זערע מאָדערנע אידעאַליסטען פון אלע ריכטונגען און פארטייען, פון אַלע שטרעמונגען און פּראָגראַמען. עס טריאומפירט א רעאַגירען פון אָן אויסגעהאַלטענעם טאַקט און פאַרנונפט. די מענשליכע צוגען לויפען פעסט און זיכער אויף די רעלסען פון פּסיכישע און פיזישע קראַפט, דער קאָנטאַקט איז א ליכטיגער, לויטערער, אידעאיש און וויסענשאַפטליך און מיר זעהען דורך אינערליכע פערספעקטיווען די פאַרבאָרגענהייטען פון טויזענטער האָריזאָנטען.

ה.

און ווען עס איז אין פריהלינגס־צייט צוזאמען געראופען געווארען דער אַלוועלטליכער קאָנגרעס פון דער „וועלט־פּרוף לירישטישער אָרגאַניזאַציאָן״ זענען אָנגעקומען דריי הונדערט טויזענט געסט פון אלע ווינקלען פון דער וויטער וועלט. די אַפּאַראַטען וואָס האָבען די שטימען פון די רעדנער געהויבען אין אלע ווינקלען פון דער ריזיגער פאַר־זאַמלונג, האָבען אויך די „ראַדיאָ לופט ליניען״ אויפגעכאפּט און פאַר־טראָגען אין אַלע וויטסטע מקומות פון דער גרויסער וועלט.

די „וועלט־פּרופלער״, וועלט אָנשויאונג און אידעאל איז פונדאַ־מענטאַל אָרגאַניזירט — עקסטרעם וועלטיש, אוניווערסאַל — און מאַכען גאָר נישט קיין קאָמפּראָמיסען מיט נאַציאָנאַלע און פּאַטריאָטישע אידעען און באשטרעבונגען. — דאָ קומען זיי אין א קאָנטראַסט צו די ברעזאַריסטישע וועלט־אָנשויאונג וועלכע פּרעטענדירט צו זיין נאָר „וועלט־ליריסטיש״, אבער עקספערימענטאל, נישט אזוי פעסט און זיכער קאָסמיש — און עקסטרעם וועלט־טהימליך, און פּרובירען צו רעאַגירען דורך די באַזונדערע סענטימענטען פון פאָלקס־קולטרום, דאָס מיינט אַז יעדעס פאָלק קען אין זיך ענטוויקלען פאָלקס אינדיווידואַ־ליטעט ביז צו דער העכסטער מדרגה...

פון דער ערשטער אוראַלטער פּרימיטיווער ליניע ביז צו דעם פּראָגרעס פון העכסטער דערהויבונג און מאָדערנעם ראַפינירטען באַ־גריף. נאַטירליך דאַרף יעדעס פאָלק זיין אין די ליבעראַלע גרעניצען פון א גינסטיגע טעריטאָריע וואָס זאָל האַרמאָנירען מיט דעם באַשטימ־טען כאַראַקטער פון פאָלק. היסטאָריש, עטנאָגראַפיש, גייסטיג און אידעאַליסטיש, און יעצט ווי וויט מעגליך צו אָרגאַניזירען די גרויסע אַלוועלטליכע פעדעראַציאָן פון אַלע פעלקער פון פארשידענעם כאַראַק־טער און פאַרשידענע קולטורען אין איין ריזיגען וועלט אָרקעסטער פון פרידען, פרייהייט און מענשליכקייט. דאָ קומען נאַטירליך אויך די גרויסע דיריגענטען און רעזשיסאָרען וואָס וועלען קענען דיריזשירען מיט אַן אַלוועלטליכען פילהאַרמאָנישען אָרקעסטער פון אלע פעלקער פעדעראַציאָנען.

די עקספּערימענטאַלע געדאַנקען האָבען פאַרנומען דעם גרויסען סאַציאָנאַם „אַדאַל ברעזאַר״ און דעם וועלט־ליריסטישען גענעראַל שטאַב טאָג און נאכט — די צוויי וועלט־ אנשויאונגען „דער וועלט־פּרוף, לירישער אידעאל״, און דער וועלט־ליריסטישער „עקספּערימענטאַל

פאָלקס־קולטרום״ לויפען פּאַראַלעל אויף צוויי וועלט ליניען און מיר ווייסען נאָך נישט ווער עס וועט שנעלער קומען צום געוואונשטען ציעל.

אונטער די צוויי מעכטיגע אָרגאַניזאַציאָנען געפינען זיך אויך די פאַרשידענע פאָלקס־צווייגען פון פאָלקס־קולטרום, וועלכע זענען נישט עקספּערימענטאַל — נאָר ווירקען מיט אבסאָלוטען גלויבען צום פּראָגרעס פון פאָלקס אינדיווידואַליטעט און באַשטרעבען דורך און דורך דאָס באַזונדערע קולטור־טהימליכקייט פון באַזונדערער פיזיאָנאָמיע און פאָלקס אידעאַל.

קענען מיר זיך שוין פאָרשטעלען ווי טיעף און רייך דער „וועלט־פּרוף״ קאָנגרעס האָט געמוזט רעאגירען. ווי קאָמפּליצירט, פיעל פאַרביג האָבען זיך געווירבעלט די שטרעמונגען, אידעאַלען און קאָנטראַסטען פון אלע ווינקלען פון דער גאָר גרויסער וועלט. און דורך קריסטאַליזירטער פאַרנונפט און מיט העכסטע פּערספּעקטיווע קלוגשאַפט האָט זיך דער מעכטיגער אלוועלטליכער „וועלט־פּרופלער״ קאָנגרעס גאָר יום טוב׳דיג מאַניפעסטירט, און מיט א נייע אוניווערסאַלע קאָסמישע הימנע די טירען געשלאָסען ביז צו דעם נייעם צוקונפטיגען פיעל גרעסערען דערגרייכבאַרען קאָנגרעס.

ז.

דאָס צווייטע אָבסערוואַטאָריום וואָס האָט די אויפזיכט איבער שפּייז און געטראַנק און צו אַלעם וואָס איז גוט צום געזונד און גענוס, איז אויפגעבויט געוואָרען אויף אַ באַרג אין „דער שטאָדט פון געזעלשאַפטליכקייט״ נישט ווייט — ביי דעם ברעג פון ים, דאָרטען געפינען זיך די גרעסטע וויסענשאפטלער, עקספּערטען, דערפינדער אויף דעם געביט פון גענוס, אויף שפּייז און געטראַנק, — די בעסטע וויינען און ליקערען, דער וואונדערליכסטער שאַמפּאַניער, — און רעגונגס געטראַנקען צו דערוועקען דעם מענש צו גענוס און פאַרגעניגען, אין פיינסטען באגריף פון וואָרט. עס ווערען קאָמפּאָנירט פּראָדוקטען און וויינען פון פּראָדוקט־פּרוכט־וויין־קאָמפּאָזיטאָרען וואָס די וועלט האָט קיינמאָל אפילו נישט געטרוימט פון דעם. ווי צום ביישפּיעל, עס ווערט געזאָגט, אז דער וויין וואָס קומט פון די קעלערען ביי די בערג פון הימעלאַיאַ פאַרלענגערען דאָס לעבען מיט דרייסיג יאָהר, און דער באַגער און לעבענס־לוסט קען ביי א פופציג יאָהריגען מענש געהויבען און באַקרעפטיגט ווערען ווי די נאַטור פון א צוואנציג יעהריגען מענש.

עס ווערט געזאָגט, אז דער ליקער „קאָסמאַליריום" קען קריס־טאַליזירען און באַשיינען דעם פינסטערען דונקעלען גייסט פון מענש אין דריי טעג צייט, און דער ווין וואָס קומט פון די ווייטע פאַרבאָר־גענע אינזלען פון א גרין בלויען ים קען מאכען פון דעם מענש אַן אַטלעט ווי פון דער גריכישער אַנטיקער וועלט. אלזא קענען מיר זיך שוין פאָרשטעלען דעם גרויסען איבערמענשליכען פראָגרעס אויך אויף די געביטען, און מיט אלעם איז געווארען פאראייניגט א יום טוב'דיגער גייסט, א יום טוב'דיגע שטימונג, ווייל מענשליכער לעבען, מענשליכער עקזיסטענץ מוז זיין לויטער יום טוב, לויטערע געהויבענקייט.

דאָס דריטע אָבסערוואַטאָריום האָט די פערספעקטיווען צו דער פּאָעזיע, מאַלעריי, דראַמאַ, מוזיק און קונסט אין אלגעמיין, און איז וואונדערליך און פרעכטיג געבויט געוואָרען אויף א בליהונגס באַרג מיט בלומען און בוימער געריגגעלט אין דער „שטאָדט פון הימעל־טרוים".

אין דעם אָבסערוואַטאָריום קומען זיך צוזאַמען די גרעסטע פּאָע־טען און קינסטלער, די גרעסטע שעפער פון דער וועלט, די גרעסטע געניען און דענקער, די גרעסטע פילאָזאָפען און ליטעראַטען און באַ־שיינען די מענשהייט, דאָס לעבען און די וועלט מיט דעם ליכט פון געדאַנק און חכמה, קונסט און שעהנהייט, פּאָעזיע און דראַמאַ, און די מענשליכע זעעלע אין דער וועלט איז אימער וואַך, אלעס גוטע איבער־צונעמען מיט גרויס פריידיגקייט, לוסט און ליבע.

זעהען מיר א נייע געשטאַלט אין דער מענשליכער פיזיאָגאָמיע, גייסטרייך און דערהויבען, שטאָלץ און מענשליך. די אויגען שיינען פּראָפעטיש און די באַוועגונג און שריט איז ריטמיש און מוזיקאליש. די שעהנסטע און נייעסטע געזאַנגען און מוזיקאלישע שאפונגען צירקו־לירען אין דער וועלט.

די העכסטע פּאָעטישע שאפונגען און קונסטווערק ווערען איבע־ראַל פארברייט. יעדער מענש האָט זיך א ליבלינגס ביבליאָטעק און קונסט זאַמלונג אין דער היים. יעדע שטאָדט האָט אייניגע טעמפלען פון ליטעראַטור און קונסט, און זאָגאר א דאָרף האָט שוין אויך א טעמפּעל פון ליטעראַטור און קונסט, און פארגעניגען און פריידיגקייט הערשט איבעראַל אַרום. עס ווערען אַראַנזשירט און אויפגעפיהרט ספּעקטאַקלען, אָפּערען, דראַמען, קאָמעדיען, מוזיק קאָנצערטען און פּאָעטישע אָלימפּיאַדען פון אזאַ הויכער באַדייטונג פון וואָס די אלטע צייט האָט זאָגאר נישט געטרוימט און נישט געטראַכט.

ז.

דאָס פערטע אָבסערוואַטאָריום האָט די פּערספּעקטיוון צו רעגירונג און שטאַאַטס־אָרגאַניזאַציאָן, און איז וואונדערבאַר געשטעלט אויף דעם באַרג „פרידענס גליק" אין „דער שטאָדט פון נייעם געדאַנק" אויך געריגגעלט מיט שעהנע בליהונגס בוימער און דופטענדע בלומען. דאָרטען געפינען זיך די גרעסטע דענקער און עקספּערטען אויף דעם געביט פון רעגירונגס־לייטונג און פּאַרוואַלטונג. עס ווערען יעדען חודש געשאַפען נייע פּלענער און נייע לייט־מאָטיוון פאר געזעלשאַפט־ליכקייט, נייע דערגרייכונגען צו לעבען און וועלט, צו דער העכסטער קולטור מדרגה אין האַרמאָניע מיט דער פּאָעזיע, קונסט, וויסענשאַפט און מענשליכקייט.

מיר קענען אויך זאָגען, אז די גרעסטע פּסיכאָלאָגען און די טיפ־סטע פּסיכישע פאָרשער און וויסענשאַפטלער קומען זיך אין דעם אָבסערוואַטאָריום טעגליך צוזאמען, ווייל רעגירונג און וועלט־אָרדנונג און אמת און גערעכטיגקייט זענען פיעל קאָמפּליצירט און נויטיגען זיך אין די בעסטע דענקער און קלוגע לייט.

מיר ווייסען שוין געוויס, אז וואָס אַ נאַר האַלט פאר אַן אמת קען אַמאָל זיין דער גרעסטער ליגען, און וואָס א שלעכטער קאָפּ האַלט פאר גערעכטיגקייט איז אַז אַך און וועה צו זיינע יאָהרען.

און ווען די באַריהמטע שעהנהייטס עקספּערטין אַטלאַנטאַ האָט געהאַלטען א געשיכטליכען פּאָרטראַג איבער די פאַרצווייגטע רעגירונ־גען און שטאַאַטס־אָרגאַניזאציאָנען, איז די וועלט־לירישע אַקאַדעמיע געווען באַזוכט פון צוואנציג טויזענד מענשען, און די אויפרעגונגען איבער די אונגערעכטיגקייט פון דער אַלטער צייט האָט זיך געפיהלט און געזעהן איבעראַל.

אַטלאַנטאַ איז נאַטירליך א וואונדערליכע רעדנערין און איז הויך געוואַקסען, אַן איבערמענשליכע שעהנהייט. איהר רייכע שטימע איז מיט קוואַליטעטען ווי פון דעם בעסטען פילהאַרמאָנישען אָרקעסטער, אזוי מעכטיג... דאָס איז פענאָמענאל אין אַ סאָלאָ שטימע צו האָבען אַזאַ רייכקייט אין טאָן, אין איהרע צוויי וואונדערליכע שעהנע אויגען ווי זיי וואָלטען געבליקט טיעף אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט און טיעף אין דער ווייטער צוקונפט... און איהר באַוועגונג און שריט קען מאַכען ציטערען בערג און לאַנדשאַפטען. זי איז געוויס א פּער־זאָנאָמישע געהיימע קראַפט, וואָס פיליכט נאָר אזא וויסענשאַפטס־מענש

און גרויסער פסיכישער פאָרשער פון געהיימע איבערמענשליכע כוחות ווי פּרענאָם ? קען פארשטיין און דערקלערען.

דאָס פינפטע אָבסערוואַטאָריום איז דאָס וויסענשאפטליכע, געווידמעט דורכאויס די וויסענשאפט און געפינט זיך אין „דער שטאָדט פון איינזאמקייט“, אויך אין גאַר גוטער אַטמאָספערע און אומגעבונג. דאָ ווערען די ווייטסטע עקספּערימענטאַלע דעמאָנסטראַציאָנען געמאכט, און יעדען טאָג ווערען נייע וויסענשאפטען געבוירען, נייע וועלטען ענטדעקט.

דאָס זעקסטע אָבסערוואַטאָריום געפינט זיך אין דאָרף פון „די קרישטאָלענע קוואַלען“ און האָט די פּערספּעקטיוון איבער די נאַטירליכע פּראָדוקציאָן פון דער וועלט און באַווייזט וואונדער איבער וואונדער.

די זעקס אָבסערוואַטאָריומס זענען דערוויל פאַרפאָלקאָמט, אין אויסזיכט איז נאָך זעקס, דאָס מיינט, צוועלף אָבסערוואַטאָריומס וואָס וועלען אויפנעמען די אַל-וועלט אין יעדען באַגריף פון וואָרט.

ח.

אין א שעהנעם פריהמאָרגען ווען די מענשען האָבען ערוואכט און זענען ארויס פון זייערע גוטע וואוינונגען צום פריהמאָרגען שפּאַציר אין די גערטנער פון דער „שטאָדט פון איינזאמקייט“, האָבען זיי געהערט דורכלויפען אין דער לופט א וואָרט-קלאַנג טעלעגראַם וואָס האָט געקלונגען דורך די לופט מיט די ווערטער — פּראָקלאַמאַציאָן פון אַדאַל ברעזאַר אין „וועלט לירישטישען מאָרגען-בלאַט“. אַטלאַנעאַס א פילאָזאָפישע שטודיע. אָן עסעי פון פּרענאָם איבער „דעם געניוס פון דער וועלט“, וואָס באַווייזט דעם קאָנטראַסט פון פאַרגאַנגענהייט און געגענוואַרט, און נאָך באַדייטענדע אויסרופען . . .

אַדאַל ברעזאַרס פּראָקלאַמאַציאָן האָט זיך אָנגעפאנגען אזוי צו זאָגען: — בירגער! פון דער שטאָדט פון איינזאמקייט! און פון איבעראל — בירגער פון וועלט, און פון אלע וועלטען! דאָס וועלט-לירישטישע אידעאל באַרופט אייך צו נייעם לעבען, צו נייעם גליק, צו נייע פריידיגקייט, צו נייע ליבע און נייע ווירקליכקייט, צו איין אַל-מענשליכעס צוזאמען ווירקען פאר אלעם וואָס איז גוט, שעהן, הויך און איידעל. אלזא קורץ, פול מיט באַגייסטערונג פאר דעם „וועלט-לירישטישען אידעאל“ און פּראָגראַם. נאָך דעם האָבען זיך געדרוקט

די נייעס און קאָרעספּאָנדענץ פון דער וועלט־ליריסטישער באַוועגונג און די נייעס פון דער וועלט אין אלגעמיין. נאָך דעם די ליטעראַרישע, פּאָעטישע, קינסטלערישע שאפונגען און וויסענשאפטליכע ערפינדונגען פון דער לעצטער צייט, פאַלגליך אויך א באַשרייבונג פון זיבעטען אָבסערוואַטאָריום וואָס איז יעצט אויפגעבויט געוואָרען אין דער „שטאָדט פון פּראַקטיק״, וואָס האָט די פּערספּעקטיווען צו דער אינ־דוסטריעלער און ספּעציעלער פּראָדוקציאָן פון דער וועלט — און אזוי ווייטער...

עס ווערט געזאָגט, אז „אָדאָל ברעזאָר״ קען טיעף בליקען אין געשיכטליכע פאַרגאַנגענהייטען דורך זיינע קריסטאָלענע פּערספּעק־טיווען, און ער האָט געזעהן ווי דער דענקער, דער שעפער, קינסטלער, דער פּאָעט איז אימער געווען א מאַרטירער אין דער וועלט און האָט אַלעמאָל געהאָט צו ליידען דורך די ברוטאַליטעטען פון אונגערעכ־טיגקייטען, אין א פּרימיטיווער, געוויסענלאָזער וועלט־אָרדנונג.

די וועלט־ליריסטישע אָרגאַניזאַציאָנען האָבען אָבער געשאפען א פּראָטעקטאָראָט פון גיגאַנטישער איבערמענשליכער קראַפט און א נייע זון האָט געשיינט אויף דעם הימעל פון קונסט, ליטעראטור, מוזיק, וויסענשאפט און פּאָעזיע. אמת, גערעכטיגקייט, פאַרנונפט און מענש־ליכקייט זענען די פונדאַמענטאַלע מאָטיווען פון דער נייער וועלט־אָרדנונג, פון דער נייער ערא און ציוויליזאציע.

עס קורסירען קלאַנגען אין דער געזעלשאפט, אז „אָדאָל ברעזאָר״ איז איינער פון די גרעסטע רעדנער, און ווען ער איז רוהיג קענען מיר אויך באמערקען די גרעסטע אויפרעגונג ווען עס איז נויטיג, און פאר איהם שוועבט א בלויע געהיימע ליכטיגקייט און עס שיינט ווי זיינע הענט האָבען זיך ביי איהם צוזאמען געדריקט אין פויסטען און מוסקו־לען געגען אלע עקזעסטירענדע אונגערעכטיגקייטען.

* * *

דער וועלט־ליריסטישער מאָרגען בלאַט איז איבעראַל באַוואוסט און פאַרברייט, נאַטירליך האָט אויך „דער וועלט פּרוף אַוואַנגאַרד״ מיליאָנען און מיליאָנען אין צירקולאַציע.

און אין דעם צוואַנציגסטען פריהלינגס־טאָג איז אָנגעקומען א טעלעגראַמע, אז אָדאָל ברעזאָר קומט אָן אין דער „שטאָדט פון איינ־זאַמקייט״, זיבען דרייסיג פריהמאָרגען מיט דעם ליריסטישען וועלט־עקספּרעס.

דאָס פּאָעטישע מעדיום

ווען דער טרוימער מענש — דער פּאָעט קומט אָן אין א מדבר צו ער קומט אין די לאַנדשאַפט פון א גן עדן נאַטור, אימער טראָגט ער מיט זיך דאָס פּאָעטישע געפיהל, די פּאָעטישע נשמה. און ווי דער מדבר איז א קאָנטראַסט צום פּאָעטישען אידעאַל אזוי איז די גן עדן׳דיגע פּראַכט פון נאַטור און וועלט מוטערליך און גינסטיג און א ברכה פאר דעם וואויל און זיין פון פּאָעטישען מעדיום — און פאר דער סאָציאַלער ספערע פון יעדער צייט.

די פּאָעזיע איז אין דעם גייסט, אין דער זעעלע פון פּאָעט וועל־כער בענקט און באַגערט, באַשטרעבט די וועלט פון שעהנהייט, מוזיק, קונסט, ליבע און גליק.

די פּאָעזיע איז אַלזאָ איין אינערליכער אינטעליגענץ פון מענ־שענס גייסט און נשמה וואָס באַשאַפט זיך נישט נאָר אליין פון די אויסערע וועלט, נאָר די אויסערע וועלט ווירקט צוזאַמען מיט דעם גייסט און כאַראַקטער פון דעם דיכטערס געבוירענע אייגענשאפטען. איז זיין אויסערע וועלט אויך פּאָעטיש; באַשאַפט זיך די שעהנע האר־מאָניע פון פּאָעטישען אידעאַל פּאַלקאָמענער, העכער, אין א איבער־מענשליכער מאכט — אין א מענשליכען געזונט — וואָס ברענגט דאָס פּאָעטישע גליק...

דער זינגער זינגט א ליעד אין וואָרט און טאָן, דער מוזיקער שפּילט די מעלאָדיע, דער קונסט־מאָלער נעמט אויף די שטימונג פון בילד און כאַראַקטער, דער פּאָעט באַשאַפט א קאָמפּאָזיציע פון די שעהנסטע מוזיקאַלישע און ליטעראַרישע וואָרט־קלאַנגען צוזאַמען פאראייניגט מיט דעם געניאַלען געדאנק, וואָס טראָגט אין זיך אייביגע אידעען פון וועלטליכע אלמענשליכע מיסיאָנען — פון שעהנהייט, צערטליכקייט, איידעל־פּסיכיק, געזונט און ווארהייט און דעם פאַנ־טעאיזם פון דעם עקסטרעם גוטען, ווייל אין דעם שלעכטען און בייזען איז נישט דאָ די פּאָעטישע אייגענשאפט, דער קאָנטראַסט פון דער פּאָעזיע איז אלעס וואָס שלעכט איז. דאָך געפינען זיך דיכטער וועלכע גלויבען צו געפינען פּאָעזיע אין דעם שלעכטען ווי אין דעם גוטען,

אין דעם בייזען ווי אין דעם מילדען, אין דעם שעהנעם ווי אין דעם קאָנטראַ־שעהנעם.

די דיכטער זענען זיכער נישט באַוואוסט איבער דאָס פּאָעטישע אידעאַל, ווייל דאָס זענען נאָר עלעמענטאַרע פּרימיטיווע סימפּטאָמען און איינבילדונגען וואָס האָבען נישט אין זיך דעם אמת און דעם ריכטיגען געדאַנק.

אלזא — וועלט, הימעל, זון, לבנה, שטערען, וועלדער, גערטנער, ים, לאַנדשאַפט, אלע שעהנהייטען פון אונזער באַגריף זענען נאָר פּאָע־טיש — קומט אָבער אונזער מענשליכע נשמה און עס שאפט זיך פּאָעזיע...

די פּאָעזיע באַשאַפט זיך אין שטילקייט אין רוה, ווען דער געדאַנק איז לויטער און באַוועלטיגט, און ווען מיר געפינען זיך אונ־טער געוואַלד פון לייד, פּיין און אומגליק, טריאומפירט דער קריזיס איבער דעם דיכטערישען פּראָדוקט.

מיר ווערען אָבער אויך באַגייסטערט פון געוויסע ערשיינונגען וואָס זענען ווייט פון רוהיגקייט און שטילקייט. דער גוטער ווייַן פון באַרוישונג און עקסטאַז, די עראָטישע ליידענשאַפט און פייערליכער כאַראַקטער פון מענש מאַניפעסטירט זיך אויך פיעל מאָל איבער רוהיגקייט און שטילקייט.

מיר ווערען אויך באַגייסטערט פון א שטורם, פון א בליץ, פון דעם מעכטיגען דונער אויף אזוי ווייט, ווען עס טראָגט אין זיך דאָס גוטע און דאָס דעקאָראַטיווע צו אונזער דראַמאַטיש־מענשליכער עקזיס־טענץ.

ווען מיר באַזינגען אָדער מיר שאַפען פּאָעזיע פאראייניגט מיט די געוואַלדיגע ערשיינונגען פון דער מעכטיגער נאַטור מוז עס האָבען אין זיך די זעעלע פון דאָס גוטע און די איידעלסטע באַשטרעבונגען פון אונזער מענשליכער עקזיסטענץ.

פּאָעזיע איז דאָס אייביגע אידעאַל — ווייל מיר מוזען אימער ליבען, אימער שטרעבען צום גליק — גליקליך צו זיין... ווייל מיר מוזען אימער בענקען נאָך אונזערע ווייטע אידעאַ־לען. אונזער נאַטור און כאַראַקטער מוז זיך מאַניפעסטירען אין מוזיק, ווייל אין אונזער נשמה איז אויך דאָ דער ריטם, די מעלאָדיע, די מוזיק, — נויטיגט זיך דער האַרמאָנישער קאָנטאַקט, און אויך אין דער נאַטור — אין דער אַל־עקזיסטענץ לעבט דאָס אייביג פּאָעטישע — און ווייל מיר שטרעבען אונבאַוואוסט און ציעל באַוואוסט אז אונזער גאַנצער

לעבען זאָל ווערען דער גרויסער יום טוב — די פּאָעטישע מאַניפעס־טאַציע, צו וואָס דאָס לעבען איז אייגענטליך באַרופען.

און ווען מיר וועלען האָבען דערגרייכט אונזערע העכסטע פּאָע־טישע אידעאלען וועט די פּאָעזיע זיין די זעעלע פון דער וועלט, די זעעלע פון לעבען וואָס וועט ברענגען און באַשאַפען א נייע געט ליכקייט . . .

וועלען די מענשען באַקומען עמפּפינדונגען פון צאַרטע מאַכט, און די אויגען וועלען זיין געזונט און עמפּפינדליך צום העלסטען זעהען, און איבערמענשליך וועלען מיר באַוועלטיגען אונזער לעבען אויף מאָראַלישע און עטישע גרונד פּרינציפּען פון העכסטער קלוגשאפט און אינטעליגענץ — פון געטליכע אינספּיראַציע אין א לויטערען פּאַנטע־איזם . . .

איז דאָס מעגליך ? פרעגט דער פּעסעמיסט און דער סקעפּטיקער, וואָס איז דער מענש ?

דער מענש שטעהט אויף דער ערד און מיט זיין געניאַלען קאָפּ שטייגט ער אין די הימלען . . .

דער מענש קען ווירקליך אויך פאַלען און זינקען, ער קען אָבער אויך שטייגען נאָך מעכטיגער און באגייסטערט פון זיינע ליבסטע אי־דעאַלען ווערען דער העלד פון געגענוואַרט און צוקונפט.

דער מענש מוז קומען צו דער מדרגה — און דאָס לעבען אין אלגעמיין, אז מענשליכע דעקאַדענץ זאָל ווערען אן אונמעגליכקייט — אז דער איינצעלנער מענש — ווי די מענשהייט אין אלגעמיין — זאָלען קענען קורסירען אויף די זיכערע מעכטיגע צוגען פון א גרויסער ציוויליזאַציע, וועלען מיר נאַטירליך פיגורירען א גרעסערע מאַכט ווי מיר זעהען אין די קונסטבילדער פון די גריכישע טיטאַנען און גיגאַנטען . . .

דער מענשליכער ווילען — דער מענשליכער גייסט קען אויפטאָן און באַשאַפען איבערמענשליכע וועלטען, קען ברענגען איבערגלויביגע נייהייטען, וואָס זאָגאַר א פאַנטאַזיע קען זיך נאָך נישט פאָרשטעלען, דאָס מיינט אז דער מענש קען ווירקליך דערגרייכען אן איבערמענשליכע מדרגה צום וואויל פון זיין אייגענעם איך, און צום וואויל פון דער געזעלשאפט אין אלגעמיין . . .

יעדע צייט האָט זיך געהאט זיינע נביאים וואָס האָבען דעם מענ־שען באַרופען צו דער אידעע — צום מענשליכען צוועק. דער נביא האָט אימער באַלויכטען רעם וועג און געלערנט דעם מענשען דאָס

גוטע — ער איז געקומען דער פּאָעט אלס נביא, אדער דער נביא אלס פּאָעט, נישט נאָר אלס וויסענדער נאָר ער האָט אויך געהאַט די מיסיע מיט זיין פּראָפעטישען גייסט איבער צו שאַפען דאָס לעבען אין שעהנערע פאָרמען צום גוטען געשטאלט און העכסטע מענשליכ־קייט, און ער איז געקומען מיט א שעהנער שפּראך, גלייך צו א וואונ־דערליכער מוזיק פון ווייטע אונבאַקאַנטע וועלטען. עס האָט זיך אויך געהערט ווי א ליעד, ווי א געזאַנג וואָס האָט אינטים באַגייסטערט די מענשהייט פאר דאָס פּראָפעטישע אידעאַל וואָס באַגערט נאָר דאָס גוטע, די ליבע און דעם פרידען, פּראָפּאַגאַנדירט דאָס לעבען צו ווערען אַ געטליכקייט, א פאַרנונפטיגע קלוגע הייליגקייט...

באַוויזען אז די וועלט קען ווערען אן אייביגער פריהלינג פאר דער מענשהייט, די וועלט זאָל זיך מיט שטאָלץ קענען שפּיגלען אין דעם לויטער־עטהערישען בלויען הימעל, און דאָס איז אויך דאָס רעליגיעזע געפיהל פון דער פּאָעזיע. דער מענש האָט זיך געשאַפען פיעל רעליגיאָנען, און ביז היינט נאָך נישט געפונען די אייגענטליכע רעליגיע פון אמת צו דער נשמה און זעעלע פון דער מענשהייט אין דער וועלט... דער מענש האָט זיך אלע מאָל געגאַרט אין זיינע רעליגיאָנען, און זיין ריכטיגע רעליגיאָן האָט ערווירקליך נאָך נישט געשאַפען. זיין רעליגיעזעס געפיהל איז אבער אייביג און פּאָזיטיוו, דאָס רעליגיעזע איז אייביג אין דער מענשליכער נשמה. דער מענש זוכט אייביג און מוז געפינען און וועט באַשאַפען די אייגענטליכע רע־ליגיאָן וואָס וועט פאַראייניגען אלע מענשען אלס ברידער און שוועס־טער פון ליבע און פרידען... און דאָס וועט אייגענטליך אויך זיין די פּאָעזיע וואָס וועט העלפען פיהרען דעם מענשען צו דער ריכטיגער רעליגיאָן פון אייביגער געטליכקייט...

און וואָס איז נאָך וועלטליכער צו דעם אַלוועלטליכען גליק און פרידענס נביאה פון ישעיה הנביא? די נביאה פון אונזער פּראָפעט ישעיה, וואָס קען נאָר ווירקליך ווערען דעמאָלסט ווען די מענשליכע זעעלע און נשמה וועט זיין אין א גרויסער מדרגה פון אידעלקייט און אינטעליגענץ, און ווען דאָס ארומיגע לעבען און אויך די אומ־געבונג וועט אויך קענען זיין אין האַרמאָניע מיט אונזער סענטימענט און כאַראַקטער, און קורצען באגריף—ווען מיר וועלען האָבען אונזער פּאָעטישע זעעלע עמפּפונדען... ווייל נאָר די פּאָעזיע איז פון די הויפּט קרעפטען צו ברענגען פרידענס ליבע אויף דער וועלט. פּאָעזיע איז די גרעסטע מאַכט וואָס באַוועלטיגט אונז צום צאַרטען הומאַניזם.

ווען מיר הערען בעטהאָווענס אָדער שאָפּענס מוזיק, וואַגנער, באַך און די אַלע גרויסע קאָמפּאָזיטאָרען — עמפּפינדען מיר ווי אונזער געפיהל ווערט ראַפינירט. מיר דערקענען זיך זעלבסט צום ליבען, און מיר דערקענען די וועלט צום ליבען. דאָס איז דאָס פּאָעטישע פון דער מוזיק וואָס באַוועלטיגט אונז. ווען מיר לעזען די פּאָעזיע פון באָדלער, פון ווערלען, דעם זאַראַטוסטרא, פון פריעדריך ניעטשע — אדער דעם מאַנפריעד פון לאָרד בייראָן, אָדער געטהע, היינע, שעקספּיער און אזוי ווייטער, ווערען אונז אנטפּלעקט נייע הימלישע וועלטען פון ליבע פון א העכערען איבערמענשליכען לעבען...

די פּאָעזיע איז געוויס די זעעלע פון פרידען און ליבע וואָס וועט פאַרמיידען און אונטערברענגען דעם קריג און האַס פון מענש צו מענש, און פון פאָלק צו פאָלק, ווייל דאָס מענשליכע צוזאמענלעבען און די מענשליכע אָרגאַניזאציע וועט נישט נאָר זיין אין העכערע אינטע־ליגענץ, נאָר אויך די אומשטענדען און אומגעבונגען און די אַטמאָס־פערע אין אלגעמיין וועט מוזען זיין די אייגענטליכע פאר אונזער מענשליכען סענטימענט, פאר דער מענשליכער נשמה, וואָס איז אזוי צאַרט ווי די הימלישע מוזיק... ווי די מלאכים מוזיק פון אונזער גרויסען קאָמפּאָזיטאָר רובינשטיין.

די אידעלע מוזיק פון דעם געניאלען מוזיק פּאָעט דערוועקט אין דעם מענשען דעם גוטען באַגער, די שלעכטע מוזיק פון פרימי־טיווען גייסט און לייכטזין פאַרפיהרט דעם מענשליכען סענטימענט צום שלעכטען באגער, ווען דער פרימיטיווער מענש הערט זיך צו צו דעם קריגס־מאַרש, געהט ער איהם נאָך ריטמיש צום טאַקט און מלחמה גרייט — אָבער אויך דער ציוויליזירטער מענש ווערט באַ־הערשט פון זעלבען געפיהל, ווייל ער איז עטוואָס ציוויליזירט, אבער נאָך גענוג פרימיטיוו, און איז דער מאַריאָנעט פון א פאַלשע קולטור מעטאָדע — פון אן אונריכטיגע ציוויליזאציע.

ווען אָבער דאָס אידעלע און די פּאָעזיע וועט באַשאַפען דעם זין פאַר דעם לעבען, וועט זיכער דאָס שלעכטע און בייזע מיט דער צייט פּאָזיטיוו פאַרשווינדען — און דאמאָלסט דערגרייכען מיר דאָס פיעל געטרוימטע גן עדן אויף אונזער ווירקליכער וועלט, וואו די מענשען וועלען לעבען אין לויטער הערליכקייט...

עס איז נישט צו לאַכען דערפון, נאָר ערנסט צו באַגרייפען ווארום די מענשהייט האָט זיך אין דער פאַנטאַזיע פאַרשידענע גן עדנ׳ס פאָר־געשטעלט. די מענשהייט האָט פּראָפּעטיש עמפּפונדען דעם צוועק

און ציעל פאר די מענשליכע באַשטרעבונג, און מיר זענען זיכער נאָר געבענשט מיט העכערען גייסט און פארנונפט אלע אונזערע רעאלע גוטע אידעאליסטישע טרוימען אין אונזער ווירקליכען לעבען צו באַ־וועלטיגען.

ווי אזוי קענען אונזערע אידעען רעאַליזירט ווערען?

דאָ קענען מיר באשטימט ענטפערען, נאָר דורך א ווירקליכער און ריכטיגער ציוויליזאַציאָן, דורך א נייע מעטאָדע פון קולטור דער־גרייכונגען, וואו אלע וועלט־פערעספעקטיווען פון מענשליכען אידעאַל זאָלען קענען ווערען ריכטיג אויפגענומען און מיט קלוגשאפט באַ־גריפען — דאמאָלסט וועלען מיר קענען זאָגען — פרייד זיך מענש אין לויטער גליק און ליבע, ווייל פרייד גריסט א יעדען באזונדער... און אויך אלעמען בענשען, ווייל מיר זענען פריידען קינדער — און ווייל מיר זענען מענשען...

דער מענש קען אויפנעמען אייביגקייטען, קען לעבען אייביג־קייטען, ווייל אין דעם גליק לעבט דער מענש די אייביגקייט. ער וויס דאמאָלסט נישט פון קיין צייט, אין דער ליבע לעבט דער מענש די אייביגקייט, ער איז אין די מאָמענטען פאראייניגט מיט דער איי־ביגער געטליכקייט פון דער וועלט, אין דער שעפונג פון קונסט, אין די הימלישע אקאָרדען פון דער געטליכער מוזיק, אין דער טיעף אין דער הויך פון דער פאָעזיע... דאָרט לעבט דער מענש די אייביג־קייטען...

אלזא קענען מיר האָבען א דורכאויס קאָסמישען באגריף איבער „דאָס פאָעטישע מעדיום", וואָס קומט נאַטירליך אויך אין קאָנטראָסט צו געוויסע דיכטער באגריפען — האַלטענדיג א קאָמבינאציע פון ווער־טער און גראַמען פאר א פאָעטישען פראָדוקט, אדער איינגעפירטע רעאַליזמען און פרימיטיווען צוריק־גאַנג. זיי האָבען גאָר אן אנדערען באַגריף איבער דעם פאָעטישען מאַניער, און דענקען אז דאָס געדיכט איז פאר זיך שוין גענוג צו פאַרטרעטען די קאָסמישע גרויס פון דער פאָעזיע — בלייבט עס ביי מיר ווי עס איז — די העכסטע ווירק־ליכקייט און אויך סימבאָל פאר אונזער וועלט־אַנשויאונג, צום לעבען, גליק, צו פרייד און ליבע...

דאָס אַריסטאָקראַטישע אין דער מוזיק

דער מענשליכער כאַראַקטער פון סוביעקטיווע טיפקייט און עקסטרעמע אינדיווידואַליטעט מאַניפעסטירט זיך צום וויכטיגסטען אין דער מוזיק פון פרידריך שאָפּען. עס איז א פענאָמען־געניאַלער אינדיווידואַליזם פון איידעלסטען געפיהל און אַריסטאָקראַטישער אינטעליגענץ אין בעסטען זין פון וואָרט.

עס פיגורירען צוויי געניען אין אונזער מענשליכער וועלט. — איין געניע וואָס נעמט אויף אין זיך אַלעס אויסערע וואָס רינגעלט איהם ארום און ער רעפאָרמירט און באַשאַפט עס אין נייע געשטאַלטען אונטער דער ווירקונג פון זיין אַרטיסטישער פּסיכיק און טאַלאַנט,—און דער צווייטער געניע וואָס איז געבוירען מיט אַ כאַראַקטער און נשמה וואָס קומט באַלד אין קאָנטראַסט צום זאַגענאַנטען לעבען פון אונזער פּראָזאַאישער צייט. דער געניע איז דער רעוואָלוציאָנערער געניוס פון פּראָפעטישען כאַראַקטער וועלכער באַשטרעבט אקעגען צו שטעלען די מענשהייט אן אייגענע נייע וועלט פון הויכער אידעאַלער ווירקליכקייט אין קאָנטראַסט צו דער עלעמענטאַרער מדרגה פון אונזער ערדישער עקזיסטענץ.

דאָ ווערט אונזער געניע אן איבערמענש און האלב געטליכער שעפער פון הימליש־אידעאלער מיסיאָן וואָס שטרעבט צו דער העכסטער הויכקייט פון לעבען. פּאָעזיע, נבואה, קונסט, ליבע, גליק, שעהנהייט, מוזיק און הארמאָניע . . .

דער ערשטער געניוס איז דער געניע פון דער עוואָלוציע. דער צווייטער — פון דער רעוואָלוציע.

איינציג איז די שעפּפונג פון יעדען גרויסען געניע — אזוי איז ווירקליך איינער דאָ אין דער מוזיק, וואָס איז פרידריך שאָפּען, וועלכער האָט באַשאַפען א וועלט פון געפיהלען אין דער מוזיק. פרידריך שאָפּען איז אין דער מוזיק א מענשליכער סימבאָל — זיין סוביעקטיווע זעעלע אויס דער געוואלדיגער אקאָרדען שפראַך איז א פּסיכאָלאָגישער רעטזעל פאר אלע צייטען און דורות — א גוטער „שפּיגעל קריסטאָל" פאר אונזערע בענקשאפטען, אונזער וועלט־שמערץ און אונזערע וויזיאָנען.

עס איז די איבערמענשליכע שפּראַך וואָס קומט פון ווייטע הויכ־קייט און פאַראייניגט אין זיך אַלוויסענשאַפט מיט דער געהיימער רעט־זעל פאַרבאָרגענהייט פון דעם אַלזעהערישען ספינקס.

יעדעס גרויסע סאָלאָ אינסטרומענט האָט אַן אייגענע פּסיכיק. די מייעסטעטישע האַרפע האָט אַ כאַראַקטער פון שטאָלץ און דעקאַ־דענץ... אין אַ ווייס־גרויען אַלטערטום מיט די קינדליכסטע יוגענד פון לבנה שטראַהלען געהילט קומט מיר אַנטקעגען דער פאַנטאַסטישער וויאָלין...

דער וויאָלין־טשעל האָט די פּסיכיק פון דער צאַרטער מענש־ליכקייט און וועלט־טראַגיזם פון דעם פייערליכען זון אונטערגאַנג... און דאָס הימלישע קלאַוויר וואָס פאַראייניגט אין זיך אַ רייכע קאָנ־צענטראַציע פון פילע טענער און קוואַליטעטען — שיינט פאַר מיר ווי אַ וואַלד מיט נאַכטיגאַל געזאַנגען, ווי אַ כאָר אין דער פריהלינגס נאַטור...

די גרויסע לירישע ברידער פון פריעדריך שאָפּען; — וועלכע זענען זאָגאַר קאָנטראַסטען אין זייערע שאַפונגען, דאָך די העלדען פון גייסט און כאַראַקטער, — און וועלט־באַרוף — קומען אין פאַרגלייך אַלס גרויסע אינדיווידואַליסטען ווי פריעדריך ניטשע, לאָרד בייראָן, באָדלער, עדגאַר פּאָו, ווערלען, פּשיבישעווסקי, שלמה המלך, (פון ליבע און וועלט־טראַגיזם.) דאַנטע, שעקספּיער, היינע, געטע, אַרנאָלד בעקלין, פראַנץ פאָן שטוק, און נאָך אַ געוויסער קרייז פון איינצעלנע. — גרויסע קאָנטראַסטען, אָבער אַלע די אַוואַנגאַרדען פון הויכען ליריזם, דער ליריזם פון „פריעדריך שאָפּען" איז אימאַנענט און דער־גרייכט די הויכקייט — אַז אין איינציגע דריי טענער קענען מיר דער־זעהען דעם טיעפּסטען אָבגרונד, דעם אייביגען וועלט־טראַגיזם צוזאַמען מיט די הימלישע געטליכקייט פון האָפנונג און העלסטע שטראַהלען פון גלויבען, אייביגקייט און ליבע, דאָס איז דאָס געוואַלטיגסטע אין שאָפּענס מוזיק.

אָבער אַזוי טיעף ווי פריעדריך שאָפּען לעבט אין דער מוזיק — אַזוי דערהויבט זיך ריכאַרד וואַגנער איבער דער מוזיק. פריעדריך שאָפּען איז אַ כאַראַקטער אַריסטאָקראַט פון מענשליכען געפיהל און סענטימענט, און ריכאַרד וואַגנער איז אַ גייסטיג אידעאַלער אַריסטאָ־קראַט פון פילאָזאָפישע געניאַליטעט.

אין די וואַגנערישע מוזיק שטורמט דער ים פון אַלמענשליכען לעבען אין אַ וועלט פון אידעען און גייסטיגע האָריזאָנטען פון ליבע,

דאָס, רעליגיאָן, בענקשאַפט, גליק, קאַמף, פרידען, פריידיגקייט — אַלע פּראָצעסען פון אונזער וועלט־באַגריף...

ריכאַרד וואַגנער איז אין זיין קונסט דער גרעסטער מאָדערניסט פון אונזער צייט טראָץ דעם וואָס ער איז אויך אין געוויסען זין פרימיטיוו.

ער האָט מייסטערהאַפט באַגריפען ווי אַזוי צו פאַראייניגען דאָס מאָדערנע מיט דעם פרימיטיווען, די רעאַליטעט מיט די אידעאַלע ראָמאַנטיק, דאָס ראַציאָנאַלע מיט דעם אַבסטראַקטען סימבאָל. — דאָ ערשיינט ריכאַרד וואַגנער דער וואונדערליכסטער מייסטער פון פאָלקאָמענהייט.

עס איז אַ וועלטליכע אַלקאָסמישע מוזיק וואָס שוועבט ווי אַן עטהערישער רינג ארום דעם געזאַנג פון לעבען, גליק, בענקשאַפט און הומאַניזם, און די טענער און די אַקאָרדען דערהייבען זיך צו דער העכסטער הויכקייט — שטורמישער ווי די ריזיגסטע כוואַליעס אין דעם אַטלאַנטישען אָקעאַן — איין כוואַליע שלינגט די צווייטע, און אַזוי ווי דער דונער און בליץ מאַכט אונז וויסען איבער אַ געוואַל־טיגער מעכטיגקייט, אַזוי דערפיהלען מיר אויך די פאַרבאָרגענע איבער־מענשליכע מאַכט אין די וואַגנערישע מוזיק, — די מוזיק פון די קאָמפּליצירטעסטע האַרמאָניען — אַ גרופּירען זיך אין אַ צענטרום, און אַ צוריק שוועבען אין אַ כאַאָס... דאָ סימבאָליזירט זיך דער גאַנצער פּראָצעס פון נאַטור און וועלט, פון פאַרגאַנגענהייט, געגענ־וואַרט און צוקונפט...

ריכאַרד וואַגנער איז אין זיין מוזיק אַ ניעטשע אַריסטאָקראַט נאָך זאַראַטורסטראַס באַגריף — דאָס זעלבע קענען מיר זאָגען אומגעקעהרט, עס איז דאָ פיעל אייגענטהימליכעס אין דעם מעכטיג דראַמאַטישען פון די וואַגנערישע מוזיק מיט דער פילאָזאָפיע פון פריעדריך ניעטשע, איך האָב דאָ נאָר אין געדאַנק די מוזיק און נישט דעם ליטעראַרי־שען אינהאַלט פון די וואַגנערישע ווערק, — ווי ווייט וואַגנער האָט פאַראייניגט זיין מוזיק מיט זיינע דיכטערישע שאַפונגען איז אבער אויך דאָ אַ גרויסע זעלבסטשטענדיגקייט אין זיין מוזיק וואָס האָט אין זיך אויך אַן אנדערע באַזונדערע וועלט — אַ וועלט פון איבער־מענשליכקייט רעאַגירט דורך די איבערמענשליכע מאַכט ווי אין דער פילאָזאָפיע פון פריעדריך ניעטשע.

די וואַגנערישע מוזיק איז אָביעקטיוו און שיינט מיר ווי די פיינסטע לופט אַטמאָספערע ארום אַ בלומען פלאַנעט פון לויטער ליבע

און אייביגקייט, אָבער עס איז אויך צום ערשט פאַר אַלעם אויך אַ סוביעקטיווע מוזיק, אָביעקטיווע הערליכקייט און סוביעקטיווע טיפקייט, — און ווי טראַגיש זענען די טענער פון שמערץ און צווייפעל — פון שטייגען און ניעדערען, און ווי מעכטיג ערשאַלען די טענער פון גלוי־בען, ליכט און האָפנונג, אָדער די פּראָפעטישע אַקאָרדען און טרוים־וויזיאָנען פון אונזער מענשליכער נשמה... עס ווייזט אויס אַז עס וואָלט געקומען פון די ווייטעסטע הימלישע רעגיאָנען מיט אַ גאָט׳ס שפּראַך דורך דונער און בליצען און וואָלקען, דורך נעבעל און דורך פינסטערנישען. מיר דערמאָנען זיך דאָ אין דער ביבלישער שילדע־רונג ווי גאָט האָט אויסגערופען די מאָראַלישע גרונד־פּרינציפּען אויף דעם באַרג סינאַי... די מעכטיגקייט — די מענשליכע מעכטיגקייט איז אַ גאָר גרויסער מאָטיוו אין דער וואַגנערישער קונסט. ביי קיין איינעם פון אונזערע מוזיק געניען קומען זיך נישט אַזוי צוזאַמען די עקסטרעמען און עלעמענטען פון נאַטור און וועלט, פון פאַרגאַנ־גענהייט, געגענוואַרט און צוקונפט...

עס איז געוויס קיין וואונדער וואָס אין דער וואַגנערישער דראַמאַ פיגורירען אַלע פאַרגייסטיגונגען פון דער מענשליכער וועלט, — ווי עס ראַלירען מלאכים און פּרינצען, פירשטען און גראַפען, קעניגינען און פּרינצעסינען, גייסטיגע הויך־מענשען, פיזישע טיטאַנען און גיגאַנ־טען, פאָלק און געטער־וועלט פון הימלישע און ערדישע באַוועלטי־גונגען פון אַלע קרעפטען פון נאַטור, און אַן אָנזאָג צו אַ נייע וועלט פון נייע פאָרמען, נייע העלדען, נייע צוקונפט און אַ נייע מאָראַל וואָס וועט אויסוואַקסען און אויפבליהען אויף דעם גרונד פון דער אַלטער וועלט.

ריכאַרד וואַגנער איז דער אידעאַלער אריסטאָקראַט — דער פילאָ־זאָפישער און סאָציאַלער, דער וועלטליכער, און פריעדריך שאָפּען איז דער כאַראַקטער אַריסטאָקראַט פון אינדיווידועלע מענשליכקייט, פון סוביעקטיווע אימאַגנענץ...

איך האָב אַלזאָ אין מיין פּאָעטישער אימפּרעסיאָנס־שטודיע גע־שאַפען אַ פּאַראַלעל — „וואַגנער״ און „שאָפּען״, ווייל זיי זענען די איינציגע רעפּרעזענטאַנטען פון דעם אריסטאָקראַטיזם אין דער מוזיק, — בעטהאָווען איז פאַנטהעאיסטיש, און גלוק איז קלאַסיש עקסטרעם, און הימליש, מאָצאַרט — וועבער דער מאָדערנער ריכאַרד שטראוס, טשייקאָווסקי, קיינער רעפּרעזענטירט נישט אַזוי דעם אַריסטאָקראַ־טיציזם אין דער מוזיק ווי וואַגנער און שאָפּען.

די „פּאָעטישע אימפּעריע" און דער „פּאָעט אימפּעראַטאָר"

איך האָב מיר גענומען די פרייהייט אויף צו בויען א נייעם „באגריפ׳ס-טהורם" פון אונזער געזעלשאַפטליכען אידעאַליזם צו דער צוקונפטיגער וועלט־אָרדנונג, און צו דער נייער מענשליכער ערא.

דער קעניגליכער אימפּעראַטאָר באַגערט אימער זיינע לענדער צו באַרייכערען און צו פאַרגרעסערען צום וואויל פון זיין אייגענעם פאָלק — דאָס איז געוועזען אין אלע פאַרגאַנגענע צייטען און פאָלגליך אויך אין דער געגענווערטיגער צייט, און ווען דער קעניג האָט זיין זיעג נעמט ער אויף זיך דעם לאָרבער קראַנץ און פיגורירט אַלס דער העלד פון דער צייט. — פאַר דעם באַזיעגטען פאָלק איז עס א טראַגעדיע פון דער אייגענער קולטור און אַ טראַגישע פאַסירונג אין אַל־געמיין. און די אַמביציעס פון קעניג זענען זיכער נישט קיין אַלמענש־ליכע און ווייט נישט קיין אידעאַליסטישע איז שוין ווייט און ברייט באַוואוסט.

דער „פּאָעט אימפּעראַטאָר" האָט אויך אַמביציעס, אָבער קיינעם נישט צו באַזיעגען און קיינעם נישט צו פאַרשקלאַפען. ער איז דער וויזיאָנער פון אלע לענדער און ווינשט צו פאַראייניגען אלע פעלקער אין אַן אַלמענשליכער פעדעראַציע, אָרגאַניזירט מיט פאַרנונפט און קלוגשאַפט צו פרידען און אלגעמיינע פריינדשאפט. און ווען דער דיכ־טער מאכט די חן׳דלעך צו דער זון, לבנה, שטערען, לאַנדשאַפט, וועלדער, בערג, ים׳ען, איז דאָס אויך אימפּעראַטאָרישע אַמביציעס, אָבער — גייסטיג, מאָראַליש און נויטווענדיג פאַר וועלט און מענש־הייט, — און די מענשהייט אין אלגעמיין האָט אויך אין זיך די אימ־פעראַטאָרישע אייגענשאַפטען וואָס מאַניפעסטירען זיך אין קומען צום קלאָהרען באַגריעף.

די „פּאָעטישע אימפּעריע" איז דער קאָסמאָס פון העכסטער מענשליכער ציוויליזאציע רעאַגירט דורך דעם אוניווערסאַלען כאַ־ראַקטער פון וועלטליכע קולטור. און ווען די מענשהייט וועט האָבען

דערגרייכט די „פּאָעטישע אימפּעריע״ דאַמאָלסט וועט די גאַנצע מענשהייט קענען נעמען אויף זיך דעם לאָרבער קראַנץ און וועט פיגורירען מיט זיך דעם ווירקליכען העלד פון דער צייט און אלע צייטען, עס וועט זיין די „אימפּעראַטאָרישע מענשהייט״...

די „פּאָעטישע אימפּעריע״ איז דאָס גליק, די ליבע, די שענהייט, די קונסט, די מוזיק, דאָס לעבען, דער אידעאַליזם.

און ווען דער דיכטער האָט דערגרייכט די הויכקייט, און האָט אין זיך די פּאָעטישע מאַכט צו באַוועלטיגען די וועלט דורך זיין טאַלאַנט און גייסט אויף די אַלוועלטליכע מענשליכע לעבענס וועגען — דער דיכטער איז דער „פּאָעט אימפּעראַטאָר״...

דער „פּאָעט אימפּעראַטאָר״ מאַניפעסטירט זיך אין דער פּאָעזיע, אין דער קונסט, אין דער זעעלע, און נעמט אויף דעם מזרח־מערב־דרום־צפון — באַשטרעבט די העכסטע אידעאַלען פון לעבען און באַרופט די מענשהייט צום ציעל און צוועק און פּראָפּאַגאַנדירט דאָס הימלישע און אידעאַלסטע צו באַשאַפען אין אונזערע ווירקליכע וועלט...

דאָס איז דער ניי־מאָדערנער נביאישער פּאָעט און הויך באַגייסטיגטער דיכטער פירשט...

פריהלינגס פרעליודען

פאַר זון־אויפגאַנג!

אַ שיין פון בלויע ליכטיגקייט האָט אויסגעפילט דעם וועלט־רוים... דאָס האָט דער הימעל — דער ריינער בלויער הימעל באַגליקט מיט דעם שעהנעם בלויען ליכט דעם סוד באַגעבען — עס איז פאַר זון־אויפגאַנג...

און שטיל איז געוועזען, טיעף שטיל...

אונשולדיג ווייס וואָלקענדיגע מלאכים׳לאך האָבען געשוועבט אַרום דעם ריינעם לויטערען הימעל באַוועגענדיג מיט זייערע ווייסע פליגלען אין א שטילען געמויש מורמלענדיג — עס איז פאַר זון־אויפגאַנג... ס׳איז רענעסאַנס — און א ווידערגעבורט צו א נייעם לעבען...

פון מיין טיפען שלאָף האָט מיך אויפגעוועקט דאָס ציטערען קלאַנג פון א האַרף, איין עדעל שטילער טענער־קלאַנג וואָס האָט באַרופען פון מיין זעעלע דעם ווידערקלאַנג...

אין גליקליכע ענטציקונג פון מיין טיפען שלאָף דערוואַכט ווי איך האָב גערוהט א מידער אין די מדבר פון וויסטעניש און הילפס־לאָזיגקייט...

איך בין ערוואַכט... אָ, לעבען!

איז פיליכט געקומען די צייט פון מיין ווירקליכע דערוואַכונג?

ווידער געבורט — רענעסאַנס — אין די שרעקליכסטע וועלדער האָב איך געוואַנדערט...

יאָ — דו ביסט ערוואַכט — דו וואַנדער מענש!

ענטפערט מיר א וואונדערליכע יונגפרוי מיט איהר גאָלדענע האַרף אין האנד.

אַ וואונדערליכסטע! ליבסטע! ווי הערליך זענען די טענער פון דיין האַרף...

— ס׳איז אַ לויב־געזאַנג פאַר דעם זון־אויפגאנג...

איך נויג מיך פאַר דיר... און ליעב דיך — און דיין מוזיקאַליש געזיכט:... אך — איבערמענשליכער טרוים... איך קוש דיך, מיינע בליקען זענען טיעף אין דיינע שעהנע אויגען... ענטפער מיר נאָך מיט דיין האַרף... איך וועל באגרייפען... און וועל דערשיינען פאַר דיר...

מ אַ י

ליבע פריינד! און ליבע וועלט!

איך קום צו אייך אין וואונדער־שעהנער פּראַכט... איך קום צו אייך מיט גליק און לעבען און לעבענס־טרוימען... איך בין גרין, געהילט און מיך קרוינט דער לויטערער בלויער הימעל — איהר וועט מיך דערקענען...

* * *

פריהלינג! דער העכסטער און שעהנסטער יום טוב אין אונזער מענשליכען לעבען, — און מיר מענשען מוזען דעם הערליכען פריה־לינג, דעם גרעסטען יום טוב פון גליק און ליבע אין הימנע ליעד זינגען... דער וואונדערליכער פריהלינג האָט אונז אלעמען — מענ־שען, ברידער און שוועסטער — איין פריהלינגס־בריעף געשיקט.

וואָס אייגענטליך?

אימער דאָס זעלבע הימלישע געזאַנג וואָס ענטציקט אונז אייביג און באַרופט אונז.

יאָ — מיר זענען אייגעלאַדען צום יום טוב פון פרייד, גליק, ליבע, פריינדשאפט, לוסט און לעבען — ווי דער געזונטער און דער ליידענדער, דער באַפרידיגטער און דער באַגליקטער, דער אָרעמער און דער רייכער — אַלע זענען מיר מענשען — ברידער און שוועס־טער פאַרבעטען צו דער לעבענס־פריידיגקייט אין איין אַלקאָסמישען קרייז פון וועלטליכע רעגיע...

און מיר אָטעמען די לויטערסטע און ריינסטע לופט, און מיר געניסען פון טויזענדער בלומען דעם וואונדערליכסטען דופט, און מיר — יאָ מיר שפּאַצירען אויף עליזעאישע פעלדער און מיר דערצעהלען זיך דאָס אינטימסטע און מענשליך ריינסטע, און מיר — יאָ מיר פיגורירען פאַרבענקט און פאַרליעבט אין די מיסטישע וועלדער, און מיר טרינקען דאָס קריסטאַלענע וואַסער וואָס איז אזוי גוט... און מיר קומען באַוואונדערען די שענהייט פון דעם ווייט־באַריהמטען טהאַל, און מיר — יאָ מיר באַשטייגען די העכסטע און הערליכסטע בערג בליקענדיג ווייט אין דער אונענדליכקייט... און מיר — יאָ מיר...

* * *

יאָ ליבע פריינד!

עס קען אונז אויך באַרעכטיגט טרוימען, אז מיר געפינען זיך יעצט ביי דער שעהנער ריוויעראַ צו פריהלינגס יום טוב.

און די העלסטע און ריינסטע הימלען פון זון־ליכט קרוינען אונזער גייסטיגען קאָפּ... די נאַטור איז פּאַראַדיזיש — יונג פרויען־האַפט און יונגמענגליך — איין עבען־בילד פון איבערמענשליכע און געטליכע געשטאַלטען, — דער הערליכסטער אדם, און די שעהנסטע חוה דערבליקען זיך צום ערשטען מאָל — אין מענשליכע באוועל־טיגונג — אין האַרמאָנישען רייך...

עס דופטען די טויזענדער נאַטירליכע און מיסטישע בלומען, — א סימפּאָניע פון דופטען און וואונדערליכסטע קאָלירען און פאר־בען...

די עדעלסטע זינגער פויגלען און די טיעף געהיימע נאַטור, בוים, וואַלד, טהאָל, בערג און ים — מוזיצירען אויף דער געטליכס־טער האַרף דאָס „וועלט רעטזעל" אין האַרמאָנישען קלאַנג און גע־זאַנג... עס בליצען און ס'שימערירען די ליכטיגסטע שטראַהלען אין דעם גרויסען טאָג...

די צוויי איבערמענשליכע און צערטליך שעהנע געשטאַלטען — אדם און חוה שפּאַצירען פּאַראַדיזיש אין א מוזיקאַליש ריטמישער באַוועגונג אין דעם שאָטען פון טאָג־ליכט — אין דעם געהיימען וואַלד פון בענקשאַפט און ליבע...

איך וויים נישט צו זיי פאַרשטענדיגען זיך אין זייער שפּראַך? — דאָך וויים איך, אז די ליבסטע, נאַאיווע־געטליך העראַישע שעהנע חוה די יונגסטע און צערטליכסטע שפּראַך שטים באַהערשט, און איז זיכער אין פּאַלקאָמענסטע קלאַנגען באַוועלטיגט, און אויך איז דער הויכער איבערמענשליכער אדם מיט א לויטערער טענאָר שטים שפּראַכליך באַוועלטיגט...

און וויטער האָבען מיר נישט צו זאָרגען, די מלאכים אין הימעל וועלען צופיעל פריי זיין און גאָר נישט באַלעסטיגט...

* * *

אין אַ הימלישע בענקשאַפט פאַרטיעפט רוה איך יעצט אין א געהיימען גאָרטען פון בלויע ספערע און זון־ליכט. די בוימער און די נאַטור אין אלגעמיין איז פון קינסטלעריש־בעקלינישע אַרט, און אויך

דאָס בעקלינישע אונאויסדריקליכע שווייגען און שטילקייט רוהט ארום איבעראַל . . .

און מיר שיינט, ווען איך וואָלט יעצט האָבען א ווייס־זילבערנע אָרפעאוס לירע באגליקט מיט צוועלף סטרונעס פון צוועלף אונענד־ליכע הימלען — באצירט מיט דער וואונדערליכער שאַצבאַרקייטען פון דער וועלט, וואָלט איך באַצווייפעלט צו איך זאָל באריהרען די סטרונעס פון דער געטליכער לירע ? . . .

צו וועל איך נישט דיסהאַרמאָנירען די טיפע זעעלישע שטילקייט מיט די וואונדערליכע שעהנע אַקאָרדען ? די טיעף־זעעלישע שטיל־קייט פאר אָוועגט . . .

דער הימעל איז אין פּורפּורנע שטרייפען פון רויטען בראַנד געהילט — אין רויטען עגיפּטישען פייערליכען בראַנד . . .

ביי דעם האָריזאָנט איז די געוואלטיגסטע פייערליכסטע בראַנ־דונג פון רויטען זון־אונטערגאַנג . . .

עס זעהט אויס ווי עס וואָלט זיין דאָס גרויסע טויער פון דעם פּיעל געטרוימטען גן עדן, און מעכטיגע ריזיגע זיילען — אונענדליך פאר אונזערע גייסטיגע אויגען פּאַראַדירען איןביידע זייטען . . .

און פאר דעם אריינגאנג פון צוועלף טויזענד פייערדיגע טרעפּען, מאַרשירען הין און צוריק הונדערט טויזענד הימלישע העלדען און העלדינען — געטליך — וואונדערליך — — — — — — — — — — —

איך בין ערוואַכט . . . דער פריהלינג איז דאָ ! . . .

דער אינזעל דירקאַטשיאַ ספּאַראַ

(פאַנטאַסטישע דערצעהלונג)

עס איז געווען אין די גאַר קאַלטע ווינטער טעג, אין א צייט ווען עס גלוסט זיך זיין אין א וואַרעמער היים און טרינקען דעם גוטען כינעזישען טהע און רויכערען די אַנטיקע ליולקע טריאומפירענדיג איבער דעם פראַסטיגען שנעאיגען דרויסען. אלעס איז געווען גע־פרוירען, דער שנעע איז געלעגען אייניגע מעטער הויך, און דער ווינט האָט געפייפט די לאַנגווייליגע מאָנאָטאָנע מעלאָדיע, עס האָט זיך געהערט דאָס קנאַקען פון פראַסטיגע שריט און פון צייט צו צייט די מוזיק פון די ווייטע און נאָהענטע שליטען גלעקלעך, וואָס האָבען אביסעל באַלעבט און באַמונטערט די שטימונג פון א קאַפּריזישע נאַטור.

איך בין געזעסען אין מיין צימער און געבליקט צום פענסטער, וואָס איז געוועזען מורא׳דיג געפרוירען, דאָס גלאָז איז געווען פיעל מיט פארשידענע לאַנדשאַפטען און צייכנונגען וואָס די פראָסט האָט פאַרמירט, — עס האָט אויסגעזעהען ווי די היראָגליפישע שריפטען אויף די שטיינערנע מאָנומענטען פון דעם אַלטען מצרים.

און איך בליק אזוי וואָס ווייטער פאַראינטערעסירטער און וויעג מיך אין מיין שעהנעם וויעג־שטוהל. מיין עמפּינדונגס־גייסט פאַנגט שוין אָן צו פאַנטאַזירען. איך טראַכט וועגען די ערפינדער, וועלכע האָבען אויסגעפונען צו לעזען די היראָגליפישע שריפט — אָזש איך ווער באַלד אליין באַגליפענדיג פון מיין פאַנטאַזיע און עס געדויערט גאָר נישט לאַנג און איך פאַנג אָן עטוואָס צו ערפינדען אויף די פראָסטיג פאַרשריבענע שויבען פענסטער, און איך לעז — צוואַטשי־דראַן־טשינג — אַ דראַמאַטישע ערצעהלונג אויס דעם לעבען פון נאָך פאַר דריי טויזענד יאָהר צוריק בעפאָר די כינעזישע צייט־רעכנונג, פאַסירט אויף דעם גרויסען אינזעל „דירקאַטשיאַ ספּאַראַ“.

יעצט לעז איך ווייטער — ויהי היום עס איז געווען דער טאָג אין א געוויסען פריהמאָרגען, ווען די מענשען זענען אויפגעשטאַנען פון שלאָף האָבען זיי אויף דעם הימעל באַמערקט א פליהענדעס געשפּענסט

וואָס האָט אויסגעזעהען גאָר ריזיג און געוואלטיג גרויס און האָט ארויסגערופען א מורא׳דיגע שרעק ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג פון „דירקאָטשיאָ ספאָראָ״.

דריי שטונדען שפּעטער דערשיינען שוין עקסטרא טעלעגראמען וואו עס ווערט דערקלעהרט און מיטגעטיילט — אז עס האלט פיליכט בעפאָר א וועלט־אונטערגאַנג, און עס איז א געוויסע געפאַהר יעצט, און איין הילפסמיטעל איז נאָך געבליבען — און דאָס איז — בעטען צו דעם ליבען גוטען גאָט. מיט א שטונדע שפּעטער האָבען מיר שוין געזעהען די גאנצע באפעלקערונג אין די גאַסען און אויף די פעלדער וואָס האָבען געוויינט און געבעטען צו גאָט אין א יאָמערליכען געפיל־דער. די שטערען־זעהער זענען געשטאַנען אויף דעם שפּיץ טהורם און געבליקט דורך די שפּאַקטיפען. דער קעניג איז געשטאַנען אין מייד־עסטעטישען אוניפאָרם ארומגערינגעלט מיט דער גאנצער סוויטע בלי־קענדיגע צום הימעל. די פארטייען האָבען זיך אויך געשראָקען, אבער עטוואָס געצווייפעלט — און צו שוועבט דאָ נישט פיליכט א מאָ־דערנער פּראָגראָם?

די סטודענטען זענען געשטאַנען ביי זייערע פּראָפעסאָרען, און די דעמאָקראטען האָבען פאר שרעק געקייעט א געוויסע פרוכט עט־וואָס באַהאַלטענדיג זייער מורא.

עס העלפט אָבער נישט דאָס וויינען און בעטען, דאָס געשפּענסט נעהנטערט זיך און געהט וואָס ווייטער אלץ שנעלער — אזוי איז אויך דער יאָמערליכער געוויין פיעל מעכטיגער געוואָרען, און ווען דאָס געשפּענסט האָט זיך געגעבען א נידער אראָפּ צו אונזער אלמעכטיגער ערד האָט דער יאָמערליכער געוויין אויסגעזעהען צו קענען ברעכען דעם הימעל. — אָבער דער שרעק און ציטערען איז געווען בחנם. פאר וואָס מורא צו האָבען איז זיכער נישט געווען קיין אורזאַכע, דער מורא׳דיגער געשפּענסט איז גאָר געווען א ריזיגער גרויסער לופט באַלאָן וואו עס איז געזעסען דער וועלט־באריהמטער אינזשעניר צוואַטשי־דראַן־טשינג, וועלכער האָט די לעצטע צייט דערפונדען אַזאַ ריזיגען לופט־באַלאָן.

צוואַטשי־דראַן־טשינג איז דאָס געקומען פון ווייטען אַזיען. די פּרעסע האָט שוין נישט איין מאָל וועגען איהם געשריבען און איהם פּראָקלאָמירט אלס דעם גרעסטען חכם פון דער וועלט.

עס פארשטעהט זיך, אז דער קעניג האָט איהם אויפגענומען, און האָט אויך באַלד באפוילען צו מאכען א טרעוואָגע אז עס האָט

חלילה קיין בייז ניט פאַסירט, און מיט א שטונדע שפּעטער האָבען שוין צירקולירט עקסטרא טעלעגראַמען און איבערגעגעבען די גאַנצע פּאַסירונג.

עס איז געוואָרען לעבעדיג, דער שרעק האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין א פרייד — און עס איז נישט געווען אַ טאָג אז עס זאָל נישט ערגעץ וואו געשריבען ווערען וועגען דעם גרויסען חכם. דער קעניג האָט טאַקע איהם געוואָלט נעמען פאַר אן איידעם, האָבען אייפּער־זיכטיגע בייזע צונגען נישט צוגעלאָזט, און ער איז געוואָרען באשול־דיגט אז ער קען פיליכט נאָך אויסגעפינען די סודות פון דער רעגי־רונג, און דאָס וועט זיין א געפאַהר פאַר דעם גאַנצען לאַנד, האָט דער קעניג מיט א פיינעם אויסרייד איהם ארויסגעשיקט פון קעניגליכען הויף, האָבען איהם די פּראָפעסאָרען און סטודענטען אויפגענומען, האָבען ווידער זיינע אייפּערזיכטיגע פיינד אינטריגירט געגען איהם, האָבען זיך אויך די פּראָפעסאָרען און סטודענטען דערשראָקען פאַר איהם און איהם אויך איגנאָרירט, האָבען איהם די זשורנאַליסטען און קינסטלער אויפגענומען, האָט דאָס זעלבע פאַסירט ווי ביי די פּראָ־פעסאָרען.

ער איז אַלזאָ געבליבען איינזאַם מיט עטוואָס סימפּאַטיע און פריינדשאַפטען פון אייניגע צופעליגע מענשען פון דאָ און דאָרט.

2

צוואַטשי־דראָן־טשינג האָט דערהערט זיין באַרוף אַמאָל פאַר־נאַכט פאָהרענדיג אונטערוועגנס געריגגעלט פון שעהנע פעלדער, גערטנער, וועלדער, בערג און טהאָל. בליקענדיג צום הימעל האָט ער געזעהען ווי שטראַהלענדע שטערען נאָך שטערען ערשיינען אין דעם בלויען לויטערען הימעל, און די וואונדערליך שעהנע לבנה שיינט אין שעהנסטע פּראַכט, און א טיפע שטילקייט און רוה האָט געהערשט איבעראַל ארום, — דאמאָלסט האָט ער דאָס מיט גאָט געשפּראָכען, און זיין צוקונפטס מיסיאָן באַשטימט אין דער וועלט.

טשיין־מאַר־טשין־טשאַ — זאָגט ער צו זיין פריינד מיט וועמען ער איז דאמאָלסט צוזאמען געפאָהרען; — איך פיהל אין מיין זעעלע און געדאַנק די העכסטע באַשטרעבונגען. איך בין ענטציקט, איך בין אין עקסטאַז, איך ציטער אין מיין ריזיגע צוקונפטס־וויזיאָן, איך בין געטליך באַקרעפטיגט . . .

טשיין־מאַר־טשין־טשאָ האָט געגעבען א געניץ און געריוכערט ווייטער זיין ליולקע נישט אויסשפּרעכענדיג קיין זילב און וואָרט.

צוואַטשי־דראַן־טשינג האָט פיעל לײדען און שמערץ געהאַט אי־בערצוקומען אויף דעם „אינזעל דירקאַטשיא ספּאַראַ״ — (ער האָט אויך אין זיין היימאַטס־לאַנד, אין ווייטען אַזיען פיעל געליטען און געקעמפּט פאַר א מעגליכער עקזיסטענץ.) ער פלעגט פילע נעכט נישט האָבען וואו צו שלאָפען; ווינטער און זומער, הונגער ליידען, און באקליידט אין שלעכטע, אַלטע, צוריסענע מלבושים. גאַנצע טעג און נעכט ארומגעוואַנדערט אויף די גאַסען און אונטערוועגען—האָבענדיג אויף זיך די בליקען פון די פארבייגעהענדע מענשען, וועלכע האָבען אויף איהם געבליקט ווער מיט פאַראַכטונג און ווער מיט מיטלייד. און ווען ער איז אַמאָל געפאַלען צו דער ערד קושענדיג די פאַלמען פון דעם וואַלד פון לייכטזיניגקייט און פרימיטיווען צופאַל, — האָט די געזעלשאַפט זיך אָנגעצויגען א פריעסטער מאַנטעל און די גאָלדענע קייט פון געריכט ארום האלז, און דעם ריכטער הוט אויף דעם קאָפּ און איהם פאַראורטהיילט אייניגע מאָל דורך דעם טאָג צו שפּרינגען איבער א בערגעל פון דערנער און צוקייען א צופיעל שרעקליך זיסע פרוכט, וואָס האָט געוואַקסען אויף די וועגען פון אירטהום — טראָץ דעם וואָס ער האָט עס געטאָן אויס רעליגיעזען עקסטאַז.

די מענשען האָבען זיכער איהם באַדאַרפט אנטקעגען קומען מיט ליבע און סימפּאַטיע, און איהם באַגריסען מיט אייניגע הימעל־בליקען, — דאָך האָבען זיך געפונען אזעלכע מענשען וואָס באַגרייפען נאָר זיך צו באַזאָרגען מיט קאָרן און וואַסער, און עטוואָס צו גראָבען די ערד פון דאָס גערטענדעל ארום דעם הויז און איהם שוין צו קענען געבען א פאַראַכטונגס־בליק און א קריגעלע ביטערען קוואַס פון נאַ־טירליכען פּראָצעס.

אלזאָ, ער האָט געהאַט פיעל צו ליידען, ער איז ווי דורך צויבער־קונסט איגנאָרירט געוואָרען.

זיצענדיג אזוי אַמאָל פאַרצווייפעלט און פאַרזאָרגט אין דעם שפּאַציר־גאָרטען פון שטאָדט איז פאַר איהם פאַרבייגעגאַנגען א קאָ־מיקער און האָט עטוואָס געגעבען א שמייכעל און איז פאַרשוואונדען. אין אַ האַלבע שטונדע ארום האָט זיך דער קאָמיקער צוריק באַוויזען און איהם באַגריסט, איהם דערלאַנגט די האַנד, און איינגעלאַדען צו קומען אין זיין טעגליכען קאַבאַרעט וואָס רופט זיך — „דער איינגאַנג פון א פאַרגעסענעם טאָג״. דאָ האָט ער זיך באַקענט מיט א קליינע

געזעלשאפט וועלכע האָבען זייער היים און וואוינונג אין דעם טהאָל פון געלעכטער און שפּאַס — זיי זענען ווירקליך אויך געווען לאַכענ־דיגע מענשען וועלכע פלעגען לאַכען און שמייכלען זאָגאר אין שלאָף.

באַלד ביי דעם ערשטען אריינקומען יעדען פריהמאָרגען האָט זיך גלייך געהערט א הילכענדיגער געלעכטער אויף אַזאַ פּרימיטיווען שטייגער — הי־הי־הי־הי — האַ־האַ־האַ־האַ — כאַ־כאַ־כאַ־כאַ־כאַ — אזוי איז עס שוין א גאַנצען טאָג ביז שפּעט אין נאַכט געווען.

צוואַטשי־דראַן־טשינג איז געוואָרען פיעל מאָל אויסגעלאכט פון דער געזעלשאפט. באזונדער האָט פון איהם צום מיינסטען געלאכט א הינקענדיגער מענש וואָס איז צו גלויבען אז עס איז געקומען פון אַ קראַנקע אייגענשאַפט.

דאָ האָט זיך אויך צוואַטשי־דראַן־טשינג באַקענט מיט גאַליטאַקער, וועלכער האָט איהם געשטיצט מיט קליין־געלד און פון צייט צו צייט אויך זיך גוט אָנגעבייזערט אויף איהם. אַן אַנדערער ווידער האָט געהאַט אַ פאַרגעניגען איהם מכבד צו זיין מיט א שעהנע קאָלעקציע שימף־ווערטער טראָץ דעם וואָס ער האָט אויך פּרעטענדירט צו זיין אַן אינטעליגענט, (און איז עס געוויס אויך מעהר אדער ווענינער.) דאָך איז דאָס שוין אויך געווען א געוויסע פריינדשאַפט.

די יונגע אקטריסע אַלימאַנטיאַ וואָס איז שעהן און הויך געוואַקסען און א קינסטלערין איז אויך געווען אביסעל פריינדליך צו איהם, דאָך האָט די אלגעמיינע שטימונג אין קאַבאַרעט זיך געענדערט, און די קאָפּע סערווירער האָבען איהם נישט דערלויבט צו זיצען אין צענטרום און איהם אָנגעוויזען אַן אונטערשטען זייטיגען פּלאַץ, און ווען מיר דער־וויסען זיך דאָ אַז צוואַטשי־דראַן־טשינג איז אויך אַ דראַמאַטורג און שריפטשטעלער, וועט אונז זיכער נישט פאַרדריסען ווארום ער איז אַזאַ איינגייער אין דעם קאַבאַרעט „דער איינגאנג פון א פארגעסענעם טאָג״.

צוואַטשי־דראַן־טשינג באַשליסט אַמאָל זיך צו ווענדען מיט זיינע אַ דראַמאַ צום באַריהמטען טעאטער דירעקטאָר ברים־טשאַן־טשאַ, וועלכער איז אויך זעלבסט א גרויסער קינסטלער שוישפּילער. אריינ־קומענדיג צום טעאַטער דירעקטאָר איז דער דירעקטאָר פון אָנפאַנג געווען אביסעל סימפּאַטיש צו איהם. ס'איז געווען צו באמערקען, אז ווען ער וואָלט וועלען קען ער זיין נאָך סימפּאַטישער. ער איז אריין מיט דעם דירעקטאָר אין א באזונדער צימער אין טעאטער און האָט באגייסטערט אָנגעפאנגען צו לעזען זיין דראַמאַ. דער דירעקטאָר איז

פון צייט צו צייט איינגעשלאָפֿען —און ווען דער ערשטער אַקט פון דער דראַמאַ איז געענדיגט געוואָרען, האָט דער צוהערער אָנגע־הויבען א געשפּרעך וועגען די אַלטע פילאָזאָפען און באזונדער דער־מאָנט די חכמות פון אַלטען פילאָזאָף „אַקווידע" (קיינער ווייסט נישט ווען ער האָט עקזיסטירט) וועלכער זאָגט ; — האָב ליעב דיין זיידען מיט דיין באָבען צו־גלייך, זיי צופרידען מיט א לעמאָן ווען דו האָסט נישט עטוואָס אַנדערש, טראָג בעסער א מאַנטעל אויף זיך און באַשול־דיג נישט די וועלט, און אזוי ווייטער. נאָך דעם האָט ער באַמערקט אַז ער קען די דראַמאַ נישט שפּילען, ווייל עס ווערט געשילדערט די צייט ווען די מענשהייט האָט נאָך געגלויבט אין די חכמה פון „העלף דיר זעלבסט". — דאָך איז געווען צו באמערקען א גוטע מינע אויף דעם דירעקטאָרס געזיכט וואָס האָט אייגענטליך געזאָלט באַדייטען, אַז ווען איהם זאָל אויסקומען צו זיין אויף זיין חתונה וואָלט ער מיט שמחה געטאַנצט דעם טאַנץ פון די דרייצעהן יאַרמולקעס.

3

ער איז געווען א גרויסער ליבעס טרוימער — אין דעם קען קיינער נישט צווייפלען, ער האָט געטרוימט צו געפינען זיין שעהנע צוקונפטס־געליבטע און קענען מיט איהר זיך שאַפען א היים אין דעם וואַלד פון רוה און פרידען, און שפּאַצירען מיט איהד אין די גערטנער פון לעבענס־בליהונג און זינגענדע ליבע. — און ווען ער האָט אַמאָל באַשטייגט „דעם טהורם פון די מענשליכע פּערספּעקטיוועו" האָט ער פּרובירט בארופען זיין נישט געפונענע געליבטע מיט אזא הויכע שטימע אַז עס האָט אָנגעקלונגען אין אַלע וועלטען, און האָט אויפגעוועקט די מענשען וועלכע זענען געווען פאַרזונקען אין דעם טיפען טהאָל פון א געוואַלדיגען שלאָף, וועלכע האָבען זיך אַלע פאַרזאַמעלט ארום דעם טהורם. צוואַטשי־דראַן־טשינג האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט און אַראָפּגענידערט מיט זיין מעכטיגער שטים — באַרופען די מענשהייט אויף נייע געשטאַלטונגען און נייערע בעסערע פאָרמען אין אונזער געזעלשאַפטליכער וועלט, אַז דאָס לעבען זאָל דערגרייכען די בויטיגע אַטמאָספערע וואָס זאָל זיין וויכטיג פאר יעדען איינצעלנעם ווי פאר דער געזעלשאפט אין אלגעמיין, דאמאָלסט וועט אונזער געפיהל זיך מאַניפעסטירען ווי א געזאַנג, און ווי א מוזיק, און אַלע צוזאמען וועלען מיר טאַנצען די געטליכע הימנע פון טאַנץ און געזאַנג.

די מענשען וואָס זענען דאַמאַלסט געווען פאַרזאַמעלט ארום דעם טהורם, האָבען נישט געשעצט זיינע רייד און האָבען געהאט פאַרדרוס און געוואָרפען אויף איהם פאַראַכטונגס־בליקען און בייזע ווערטער באליידיגונגען, פאר וואָס ער האָט זיי אויפגעוועקט אויס „דעם טהאָל פון דעם געוואַלטיגען שלאָף".

ער האָט שוין נישט געגלויבט צו באַקומען זיינע פּריווילעגירטע חובות פון דער וועלט, אין געגענטהייל האָט ער באגריפען — אז די געזעלשאפט איז גיכער גענייגט איהם צו דעגראַדירען און נישט צו דערהויבען, ער האָט זיך יעצט איבערצייגט אז די מענשהייט איז געוואָרען דעקאַדענטיש — און באשטרעבט מעהר די געפאַלענקייט ווי די געהויבענקייט.

אַך — וואו זענען זיינע יוגענד טרוימען? — ווען ער האָט גע־דענקט צו ווערען א ליכט־טהורם אין דער וועלט, ער וועט ווערען איינגעלאדען צו אַלע שעהנסטע פריידיגקייטען און באַדייטענדע צו־זאַמענקונפטען, ער וועט זיך פיהלען איבעראַל אין דער היים, און ווערען באַקאַנט מיט די שעהנסטע און גאָטס־באגליקטע בלומען — — ער — יאָ ער איז געוואָרען פאַרשטויסען צו דעם אינזעל פון איינ־זאַמקייט.

פאַרצווייפעלט איז צוואַטשי־דראַן־טשינג געוואָרען און פארשעהמט פון זיין געבראָכענעם שטאָלץ און געזעהען אז עס קומט איהם נאָר אויס צו זיין אַ מאַרטירער און צו ליידען דערפאר, ווייל די וועלט איז נאָך אַזוי קליין און האָט נאָך נישט דעם מענשליכען באַרוף, איז ער געקור־מען אויף אַ פּלאַן זיך צו באַשאַפען אַ נייעם לופט באַלאָן און אָפּצו־פאָהרען צוריק אהיים אין זיין וויטען אַזיען.

עס האָט געדויערט צוועלף טעג ביז דער באַלאָן איז פאַרטיג געוואָרען, און ער האָט אויך דאָרט אַראַנזשירט א שטאַרקען שפּראַך אַפּאַראַט וואָס זאָל מיט מאַגנעטישע קראפט זיך הערען אויף די ווייטסטע ערטער, און ווען ער וועט זיך אויפהויבען אויף דעם לופט־באַלאָן זאָל ער קענען מאכען די נויטיגע דעמאָנסטראַציע און פּראָ־טעסט רוף — אקעגען דעם גאַנצען אינזעל „דירקאַטשיא ספּאַראַ" און דער וועלט אין אלגעמיין. פילע האָבען געזאָגט אז ער איז א פאָלקס פיינד, און די ווירקליכקייט איז — אז ער איז גאָר געווען א פאָלקס פריינד און א פריינד פון דער מענשהייט אין אלגעמיין, — נאָר ער האָט דערקלעהרט אז דאָס פאָלק און די מענשהייט דארפען וואָס שנעלער דערגרייכען די ווירקליכע אינטעליגענץ און די עדעלסטע

גייסטיגע מדרגה צו וואָס זיי זענען אייביג באַרופען, און דאָס איז נישט קיין אונמעגליכקייט, נאָר פּאַקטיש אויספיהרבאר, און ער האָט אויך געוואוסט אז ווען דאָס פּאָלק איז גוט — מיינט טאקע גוט. נאַטירליך מוזען אויך די פיהרער פון פאָלק האָבען דעם ריכטיגען גייסט און פיינסטען פאַרשטאַנד מיט העכסטע חכמה פאראייניגט, מוזען אויך האָבען געטליכען פערספעקטיוו צום אינדיווידום און צו דער וועלט אין אלגעמיין, האָבען דעם באגריף פון געטליכער שעצבארקייט און ליכטיגען פאַרשטיין — און אזוי ווייטער...

דאָס איז עטוואָס פון זיינע אידעאַלען, — וואָס קומט ארויס, זיי האָבען איהם נישט פאַרשטאַנען און איהם געהאַלטען פאר מענשען־פיינדליך, אזוי האָט ער דאָס דערפּאַר געהאט אויסצושטיין באליידי־גונגען און פרימיטיווע קאָמפּלימענטען, און ער האָט ווירקליך מקנא געווען זיין פריינד דעם מוזיקער אָלדאַציאַ וואָס ער איז געווען אין אַן אידעלע אומגעבונג און האָט נישט געהאַט דורכצוליידען דאָס וואָס איהם איז אויסגעקומען מיטצומאַכען.

ויהי היום — און עס איז געווען דער טאָג. אַמאָל אין אַן אָוונט ווען די מענשען זענען געווען אין די טעאַטערע, אין די קאַפעען, אין די קאַבאַרעטען און זיך פריידיג אונטערהאלטען און געטרונקען גוטען וויין און געטאַנצט אלע נייעסטע טענץ פון דער צייט און זיכער נישט געטראַכט וועגען אונזער צוואַטשי־דראַן־טשינג — איז פּלוצלינג געוואָרען א גערויש אויף דער גאַס, די מענשען זענען ארויס פון די וואוינונגען, פון די קאַפעען און קאַבאַרעטען, פון די טעאַטערע און טאַנץ־זאַלען, פון איבעראל — דאָס געפילדער און גערויש איז געוואָ־רען וואָס ווייטער אלץ גרעסער. מיט איין וואָרט—דער גאַנצער אינזעל „דירקאַטשיאַ ספּאַראַ" איז געווען אויף די פיס.

וואָס האָט פּאַסירט ?

אַ גרויסער לופט באַלאָן האָט זיך ווידער באַוויזען אין דער הויך, און אזוי ווי עס איז געווען ביינאכט האָט דאָס שטארקע ליכט אין דעם לופט־באַלאָן דערגרייכט איבעראל. עס האָט אויסגעזעהען ווי א שטראָה־לענדע זון, וואָס האָט ווידער געוואָרפען א שרעק אויף דעם גאַנצען אינזעל „דירקאַטשיאַ ספּאַראַ". עס פאַרשטייט זיך אז דער באַלאָן איז ווידער דער העלד צוואַטשי־דראַן־טשינג — דאָס האָט אבער קיינער נישט געוואוסט.

און ווען דער באַלאָן איז שוין געווען גענוג אין דער הויך האָט צוואַטשי־דראַן־טשינג אָנגעהויבען אַראָפּצושפּרעכען דורך זיין פאַר־

שטאַרקטען שפּראַך־אַפּאַראַט וואָס האָט זיך געהערט אויף הונדערטער מיילען. ער האָט אָנגעפאַנגען זיין רעדע מיט אַן אויפרוף ווי פאָלגט: חכמים, גייסטליכע, קעניגע און קעניגינען, פּראָפעסאָרען, מעדיצינער, דענטיסטען שטערען־זעהער פילאָזאָפען פעלקער און סטודענטען, פּראָלעטאַריער, רעבעלען, דעמאָקראַטען, שוישפּילער און מוזיקאַנטען פון איבעראַל, סערווירער און רעסטאָראַן בעל־הבתים. אלע, אלע הערט מיך אויס — אדוואָקאַטען, ריכטער, דירעקטאָרען גענעראַלען, פעלד־מאַרשאַלען, מיניסטאָרען, פּרינצען, פּאָליטיקער, דיפּלאָמאַטען אָפּי־צירען, קינדער און ניאַנקעס! — עס איז געקומען די אייגענטליכע צייט, אַז דאָס לעבען זאָל ווערען דאָס וואָס עס דאַרף זיין — א גליק־ליכעס און פריידיגעס לעבען פאַר יעדען מענשען באזונדער און פאַר אַלע מענשען צוזאמען, פאַר יעדען ווינקעל און פאַר אלע פעלקער אין דער וועלט — איהר הערט? און אימער דאַרף דאָס מענשליכע לעבען — און די וועלט אין אלגעמיין זיין א גליקליכע לעבענס־ווירקליכקייט — בפרט נאָך אין דער היינטיגער צייט ווען די ציווילי־זאַציע האָט שוין דערגרייכט אזא מדרגה — איהר הערט?

ס'איז ריכטיג, אז איהר זייט נישט באַוואוסט איבער די שלעכט־קייט פון אייער וועלטליכען אויפבוי. איהר מוזט אָבער פארשטיין צו ווערען עדעלער און גייסטיגער און זיך זעלבסט צו קענען לערנען און אויך אלעס וואָס עקזיסטירט צו באגרייפען און צו זינגען די לידער און הימנען פון לעבען. איהר מוזט ווי אַמשנעלסטען זעהען צו באַשאַפען די נייע וועלט פון נייעם לעבען פון לויטער גוטען גייסט און פריידיגעס גליק, מענשען ליבע און העכסטע פריינדשאפט, צו ליבען און לעבען — האָט גאָט אייך באַגעבען... איהר הערט?

דאָ האָט צוואַטשי־דראַן־טשינג אָפּגעשניטען זיין צאָפּ און צוזאַ־מען־געבונדען מיט איניגע גרינע בלומען און צוגעבונדען א ווייס צעטעלע וואו ס'איז געווען אויפגעשריבען א געדיכט ווי פאָלגט:

צו ליבע און לעבען
און לידער צו זינגען,
האָט גאָט אייך באַגעבען
און ווייט אויסגעקלונגען...

און האָט דאָס אַראָפּגעוואָרפען אויף דעם אינזעל „דירקאַטשיאַ ספּאַראַ“ און צוגעשפּראָכען — און איך זאָג אייך נאָך אמאָל, אז

איהר זאָלט באַלד פון היינט אָן אָנפאנגען דאָס נייע לעבען פאר אמת, יושר און גערעכטיגקייט, פאר ליבע, גליק, פרייד און גוטסקייט, פאר דעם ווירקליכען געדאַנק און עדעלען כאַראַקטער — איהר הערט ?

איהר זאָלט עס פון היינט אָן — פון היינט אָן...

* * *

די לעצטע ווערטער האָט צוואַטשי־דראַן־טשינג נאָך מעכטיגער אַרויסגעזאָגט און ער איז מיט זיין פייער־ליכטיגען באַלאָן לאַנגזאַם פארפלויגען.

דער שטאָם „שאַרפּיס רבים"

דער הויפּטמאַן פון דער געמיינדע „שארפיס רבים" האָט גע־טראָגען דעם טיטעל „פּיפּערנאָטער". — זיין ערשיינונג האָט געוואָר־פען א שרעק אויף דעם גאַנצען שטאָם, ער איז נישט נאָר געווען העכער אין וואוקס, נאָר ער האָט אויך געהאָט א באַזונדערן אויסזעהן, זיינע אויגען זענען געווען גרוי און פינסטער ווי די לעצטע וואָלקען פאַר דעם געוויטער, זיין שטערען און קאָפּ איז געווען גלייך צו א באַרג בליי וואָס דריקט מיט א שווערעס געוויכט די זינדיגע ערד, און זיין שטימע איז נישט געווען הויך אָבער דאָך גלייך צו דעם אונ־טערערדישען דונער וואָס ברומט אזוי מורא'דיג, און ביי זיינע טריט האָט זיך די ערד געריהרט... פארשטייט זיך שוין אז ווען דער שטאָם האָט זיך דערוואוסט אז עס קומט דער גרויסער „פּיפּערנאָטער", האָט אונגעוועהנליכעס פּאַסירט...

אַלזאָ, דער שטאָם „שארפיס רבים" האָט אין גאַנצען געלעבט אונטער דעם איינפלוס און גייסט פון זייער הויפּטמאַן און זעלבסט־שטענדיג גאָר נישט געווען; נישט געוואָלט און נישט געקענט זיין זעלבסטשטענדיג. און האָט זיך וועלכער מענש איינגעקויפט אין דער געמיינדע, דער האָט אין גאַנצען געמוזט זיין גייסט אויפגעבען, — און זייער לאַנד איז נישט גרויס געווען דאָך שטאַרק באַפעסטיגט.

ויהי היום, און עס איז געווען דער טאָג, א טאָג זון־באַשטראַהלט און פריהלינגס־באַגליקט, — ווען עס איז פּלוצלינג פארביי־געריטען א יונגע פרוי אויף א ריעזען קענטאַור. א צאַרטע ווייסע שענהייט אז די אויגען האָבען געשווינדעלט, אין די שריט פון קענטאַור האָט גע־קלונגען זיכערהייט און מאכט, און עס וואָלט קיינער נישט געצווייפעלט אויב ער איז נישט באַרעכטיגט אין זיין שטאָלצען גאַנג. און די יונגע פרוי איז געווען געשטימט ווי א קעניגין פון אלגעמיינעם רעכט, — און איהר שטאָלץ האָט אויסגעוויזען זיך נישט צו קענען ברעכען זאָגאר אונטער די שלעכטעסטע גאַטלאָזיגקייט. אָבער טראָץ זייערע געבוירענע אייגענשאפטען זענען זיי דאָך ארעסטירט געוואָרען פון

א שטאַרקער באַוואָפּענטער מיליץ, אַרומגערינגעלט און געפּיהרט געוואָרען פאַר דעם פּאַלאַץ פון זייער הויפטמאַן.

עס קומט דער הויפטמאַן אין זיין הערשאַפטליכען אוניפאָרם, באַוואָפּענט מיט פייל און בויגען און קופּערנעם פּאַנצער, און זיין קאָפּ טראָגט א קרוין פון קאָלירטע פעדערען. אין זיינע אויערען בלאַנקען גאָלדענע רינגען, און זיין צופּיעל לאַנגע נאָז — אַ זילבערנעם רינג פון גרעסערען פאָרם. באַוועגלאָז זענען די צווי געפאַנגענע, באַוועגלאָז שטייט דער גאַנצער שטאָם „שאַרפּיס רבים", וועלכע האָבען נאָך זיכער קיין מאָל נישט געזעהען אזא שעהנע צאַרטע פרוי און אַזאַ ריעזען קענטאַור — ס'איז שטיל, אלע שוויגען — עס פעהלט זיי זיכער דאָס וואָרט, אין דעם איז קיין צווייפעל...

פּלוצלינג גיט זיך דער הויפטמאַן א דריי רעכטס און לינקס און בליקט מיט שטאַר אויסגעגלאָצטע אויגען אויף דעם גאַנצען שטאָם „שאַרפּיס רבים".

פון אַ וואו זייט איהר? — פרעגט זיך יעצט „פּיפּערנאָטער" ביי זיינע געפאַנגענע; — דו זעהסט אויס ווי א פּרינצעסין פון מזרח־לאַנד, און ווירקליך האָב איך נאָך קיין מאָל נישט געזעהען קיין פּרינצעסין, דאָך עמפּפינד איך שוין דאָס, — און ווען איך האָב אַמאָל געגעכטיגט ביי מיין עלטסטען חכם האָט זיך מיר דאַמאָלסט געדענק איך צום ערשטען מאָל גע'חלום'ט פון א פּרינצעסין. (די געפאַנגענע ענטפערען אפילו נישט מיט קיין איינציגען וואָרט.)

— וואָרום ענטפערט איהר מיר נישט? — פרעגט זיך ווידער פּיפּערנאָטער שוין אביסעל נערוועז. — ווייסט איהר נישט ווער עס שטייט פאַר אייך? ווער האָט אייך אַהער געשיקט צו מיר? איז עס נישט דער וואַלד־גאָט... מיין אַלטער פריינד? אָדער פּיליכט דער גאָט פון די בערג? וועמען איך האָב אַמאָל אוועקגעשענקט א זאַק מיט שוואָמען...

וואָס זאָל איך אייך אָבער זאָגען, דעם אמת מוז איך אייך יאָ זאָגען. איך בין ווירקליך צופרידען וואָס איהר זענט געקומען צו מיר, און איך וויל טאַקע אז איהר זאָלט זיין מיין געליבטע, און ווען די געטער וועלען באַשטימען קענט איהר נאָך דאָ ווערען א קעניגין ביי מיר...

דאָ האָט זיך פּלוצלינג דער קענטאַור געגעבען אַ שטעל אויף צווי פיס און א שפּרונג אין דער הויך און אָנגעהויבען מורא'דיג צו ברומען און הוזשען און גלאָצען מיט די אויגען און שפּרינגען מיט זיינע פיס אהער און אַהין, ווי האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט,

— אזוי האָט זיך מאָמענטאַל דער גאַנצער שטאָם „שאַרפּיס רבים״ געגעבען אַ הויב מיט אַזאַ שנעליגקייט און אַנטלאָפען ווי נאָר די הירשען זענען פעהיג. דער הויפטמאן איז דאָך געבליבען, אָבער שטאַרק צומישט און צוטומעלט. דאָ איז דער קענטאַור צוגעלאָפען צו איהם און געגעבען א משונה׳דיגען הוסט און פיפערנאָטער האָט זיך געגעבען א דריי רעכטס און לינקס און איז אויך אַנטלאָפען ווי א שנעלער הירש דאָרט וואו דער פעפער וואקסט...

די פרינצעסין האָט זיך זעהר צולאכט, און זיך געגעבען א זעץ אויף אויף דעם קענטאַור און גאַלאָפּירט אין איהר אייגענעם קעניגרייך.

דער אורטהייל

אין דעם טייך „נאהאָוואַ“ (פיליכט אַמאָל געווען אזא טייך), וואו דאָס וואַסער איז געווען לויטער ווי קריסטאָל, האָבען זעקס און דרייסיג קאַטשקעס דאָרט געהאַט זייער היים — צוועלף זענען ווייס געווען, צוועלף זענען גרוי געווען און צוועלף זענען שוואַרץ און גרוי געווען . . .

ויהי היום — און עס איז געווען דער טאָג ווען עס האָט זיך פלוצלינג אָנגעהויבען פיהלען א גרויסע אונצופרידענהייט אין דער „קאַטשקע געזעלשאפט“ און קיינער האָט נישט געקענט באגרייפען ווארום? האָבען זיך די קליגסטע גענומען פאָרשען, און זיי האָבען אויסגעפונען, אז איין קאַטשקע פון זייער געגנאָסענשאפט האָט מיט צוויי טעג צוריק איבערגעטרעטען דעם גרענעץ וואָס רופט זיך „געהיימער צייכען“. — דאָ האָט זיך אָנגעהויבען א גרויסער קריעג און געוואַלד. דער קריעג האָט אָנגענומען א מורא׳דיגען כאַראַקטער, — און צוזאמען מיט דעם אלגעמיינעם שרעק און צווייפעל וואָס האָט זיך אזוי פלוצלינג פארשפרייט, איז עס געוואָרען וואָס ווייטער אלץ געפעהרליכער . . .

דאָך די זינדיגע קאַטשקע וואָס האָט געטהון דעם פארברע־כען האָט זיך גאָר נישט געשראָקען, און זיך זאָגאר נישט צוגעהערט צום אלגעמיינעם געשפרעך און אויפריהר. נאָך מעהר — זי האָט זיי גענצליך איגנאָרירט. דאָ איז די גאנצע מענגע ארויס מיט א פראָטעסט. האַ? ווי וואַגסט דו אַזאַ פאַל צו מאַכען און אונז אריינצוברענגען אין אַזאַ אונגליקליכע לאַגע? די זינדיגע האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר זי האָט זיך אייניגע מאָל אונטערן וואַסער אונטערגעטונקען און צוריק ארויפגעקומען אין רוה שטאַנד ווי ס׳וואָלט גאָר נישט פאסירט...

אויב אזוי — נעמט איהר ארונטער איר גייסטיגען קאָפּ, רופט אויס א בירגערליכע קאַטשקע וואָס איז באַקאַנט אלס די „קלוגע באַ־ראַבאַנשטשיקערין“.

— וואָרט! — רופט אויס אן אנדערע וואָס איז באַקאַנט אלס די בעסטע שווימערין — מיר מוזען זיך איבערקלעהרען, מיינע הערען

און דאַמען! — פאנגט אָן א באַקאַנטע אַדוואָקאַטין וועלכע איז באקאנט אונטער דעם פסעוודאָנים „די ריטערין פון דעם טייך נאַהאָוואַ״, ארונ־טערצונעמען דעם גייסטיגען קאָפּ פון א באַשעפעניש איז דאָס ברו־טאַלסטע פאַרברעכען, די שווידערליכסטע באַרבאַריי. קורץ געזאָגט, עס איז אַן אינקוויזיטאָרישע דעמאָניע אין שרעקליכסטען פאָרם...

שטייטס! איך האָב א פּלאַן, — רופט זיך אָן א געגנאָסין פון א זייטיג ווינקעל, וועלכע ווערט אגב באַצייכענט אלס די גרעסטע ערפינ־דערין פון דעם טייך „נאַהאָוואַ״ — פאַרעהרטע מיטגלידער און מיט־גלידערינס! מיט צוויי טעג פריהער האָב איך באמערקט אויף דעם הימעל רויטע צייכענס און שטערען דערשיינונגען וועלכע האָבען מיר רעטזעלהאפט געגעבען צו פארשטיין די שרעקליכע געשעהעניש וואָס האָט מיט אונז פאסירט, און וואָס עס שטייט נאָך אונז אויס איבער־צוקומען אין דער צוקונפט. ווי איהר זעהט האָב איך אלזא דאָס נאָך פריהער געוואוסט — אזוי פאַרשטייט זיך, האָב איך גלייך פאַבריצירט א קאָפּ, און ווען מיר וועלען ארונטערנעמען דעם גייסטיגען קאָפּ פון אונזער זינדיגע פריינדין — אזוי פאַסט מיין פאַרבריצירטער קאָפּ אויף דערזעלבער שטעל אזוי ווי פון גאָטס האַנד, אזוי ווי פון גאָטס ברכה...

הערענדיג די לאָגישע רייד איז די גאַנצע געזעלשאפט געקומען אין א גרויסען פרייד און אָנגעהויבען באגייסטערט רופען — הורא, הורא, הורא! עס לעבע אונזער גרעסטע ערפינדערין! הורא, הורא, הורא! און דאָ האָבען זיך אלע אייניגע מאָל אונטערן וואסער אונ־טערגעזונקען און די אונצופרידענהייט איז גלייך פאַרשוואונדען...

נאָך אַמעריקא

(אַ פאַנטאַסטישע באַגעבענהייט)

נון ריהרט זיך שוין די שיף, און מאַכט דעם ערשטען שריט פאָרט צו גיין פון אונזער געליבטע אייראָפּעאישע ערד, — און וואָס פיהל איך? ליבע אדער האַס? — דאָס ווייס איך נאָך זעלבסט נישט גענוי און באשטימט. איין זאַך איז זיכער, אז איך בין גאָר נישט גלייכגילטיג יעצט...

און וואָס דענק איך? — יאָ איך דענק און בליק מיט מיינע שטאַר־געשטרענגטע אויגען צו די אייראָפּעאישע ערד, צו דעם קלוגען אַלטען מיט זיין ווייס זילבערנער באָרד... און איך וואָלט מיט איהם גערען רעדען, — אבער איך האָב מורא אז ער זאָל מיך נישט איגנאָ־רירען און צו קליין ווירדיג מאכען...

נון יאָ — איך מוז טראַכטען, איך דאַרף דענקען איבער מיין געגענוואַרט פארגאנגענהייט און צוקונפט... און ווייטער בין איך, דאָך אויף אַ שיף—און אויף דעם אַטלאַנטישען ים...

און אַ פאָטערלאנד לעבט אין מיין פאַנטאַזיע, אויסער אין דער פאַנטאַזיע האָב איך עס ווירקליך און רעאַל אין ערגעץ נישט געזעהען. צופעליג האָב איך אויך קיין מאָל קיין זעה־גלעזער נישט געטראָגען,— און געפין איך פיליכט נאָך אַ פאָטערלאַנד? אַ ווירקליכען רעאַלען פאָטערלאַנד?

דאָ שטייגט אויס די אונרוהיגע כוואַליעס פון ים אַ נימפע און מור־מעלט איבערמענשליך גוט צו מיר:—דו וועסט געפינען מיין ליבס־טער...

— אַך, איך וואָלט דיך קושען ליבסטע נימפע, וואונדערליכע שענהייט! אַבער איך בין יעצט אַסקעטיש געשטימט, און אויך אין מיינע אידעאלען... און ווידער האָב איך אויך יעצט קאָנצענטרירט מיין ליבע צו דער צוקונפט... אבער איך וועל דיר דאנקען מיט גייס־טיגקייט — אזוי ווי דו ביסט אַ גליעד פון פּרויענטהום וועל איך אַמאָל אַ שעהנע הימנע איבער פרויענטהום שאַפען.

— אבער געליבטער! איך בין נאָר א מיטגליעד פון פרויענטהום

— די ערדישע פרויען זענען דאָך נישט גלייך צו מיר, מיינע אָנשוי־אונגען און אידעאלען זענען אויך אנדערע...

— קענסט דו אויך רעדען איבער די אידעאַלען און אנשויאונגען? זענען דיר די מאָדערנע אידעאַלען באקאנט? גיבט עס אין ים אויך איין ביבליאָטעק — און אויך א פרעסע? און לעזט דו זיווירקליך?

— ניין, עס גיבט נישט אין ים אַ ביבליאָטעק, און אויך נישט קיין פרעסע.

— אָבער ביסט דו פיליכט אייפערזיכטיג אויף דיינע ערדישע שוועסטערין?

— דאָס געוויס נישט, נור עס איז מיר שוין פיעל באַקאנט פון דער גוטמוטיגער ערד... גאָר א סאך. איך האָב שוין זאָגאר פיעל צערטליכקייטען דאָרטען קענען געלערנט...

— אלזא?

— האָסט דו נאָר מיך צו ליבען.

און קען איך נאָך עטוואָס דענקען איבער דעם — דורכטראכ־טען זיך?

* * *

איידער איך האָב מיך אומגעבליקט איז די הערליכע נימפע פאַרשוואונדען אין טיפען ים... איך האָב נאָך געהאט וואָס צו רעדען מיט איהר... אבער זי וועט מיך שוין געוויס נישט קענען הערען און באגרייפען, ס'איז שוין צו שפעט, זי איז שוין נישט געוועזן צו זעהען...

נון, זיפץ איך און בליק מיך ארום — איך זעה שוין יעצט נור דעם הימעל און גרויסען ים אליין...

געדאַנקען אויף דעם צימבעל

אַ יעגער האָט אַמאָל געפאַנגען אַ חיה פון די גאָר ווילדע מקומות, פאַרשטייט זיך אַז ער האָט זיך געפיהלט ווי ער וואָלט געפונען אַן אוצר, — און פיהרענדיג ביי אַ לאַנגע קייט דאָס ווילד באַשעפעניש, זענען זיך אלע מענשען צוזאמען־געלאָפען אויף דעם בייז־וואונדער.

אריינקומענדיג אין דער היימליכער שטאָדט, — האָבען די גאַסען־יונגען און די שפּאַס שפּילער נאָך געריפען הונד! הונד! הונד! — דער יעגער האָט זיך אַזש פאַרשעמט, און געבליבען אין אַ פאַרצווייפעלטער פאַרלעגענהייט. איז דאָס מעגליך אַז זיין גרויס געווינס איז גאָר נישט מעהר פון אַ הונד?

דאָך אויסהערענדיג אַזאַ גרויסע מאַיאָריטעט אין גאַס, און אלע האָבען געריפען דעם זעלבען נאָמען איז דאָך קיין צווייפעל אַז אַ געוויסער אמת איז דאָ אין דעם.

קומענדיג אהיים אין זיין פאַמיליען נעסט האָט ער די חיה פריי געמאכט, דערוואַרטענדיג אַ הונטישע פאַלגזאמקייט און געטריישאפט. דער געריפענער הונד האָט אָבער אין קיין זין נישט פאַרשטאַנען די הונטישע זיטליכקייט. — נון, האָט דער עהרליכער יעגער געוואָלט אויסלערנען די חיה די הונטישע מאָראַל, און טאַקע אויך באַקערען צו אַביסעלע ציוויליזאַציע, אבער ווי אזוי — דאָס איז די פראַגע?

טעג און נעכט זענען אוועק פון שווערען טראַכטען, און פּלוצלינג זיצענדיג אזוי — ביים אויוען פאַרויכענדיג זיין ליולקע האָבען ביי איהם אָנגעהויבען בליצען די געדאַנקען, ער האָט אזוי פאַרבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט, און ווען דער זייגער האָט געשלאָגען פיר, האָט ער אַרונטערגעלאָזט די ליולקע האַלב שלאָפענדיג און אויסגעשריגען מיט אַ שלעפעריגע שטימע — ע־ור־ר־ע־ק־אַ (איך האָב אויסגעפונען.) צו מאָרגענס האָט ער אָנגעפאַנגען זיינע לעקציעס. איך מוז די חיה צום ערשט טעראָריזירען, דערשרעקען, דערציטערען, און ווען די שוואַכקייט וועט זיך שוין גוט פיהלען, ביז צום לעצטען זעלבסטפורכט — וועל איך אָנהויבען געבען אַ העכערע לעקציע.

אַלזאָ ער האָט זיין געפאַנגענעם קרבן געגעבען פאַרדאָרבענע פראָדוקטען און פון צייט צו צייט געשטאָכען מיט שפּילקעס. די חיה איז געוואָרען זעהר נערוועז און טרויעריג און גענצליך אויפגעהערט צו עסען, דאָס האָט שוין אביסעל געוועקט דעם רחמנות פון דעם עהר־ליכען יעגער, און האָט געזאָגט צו דעם גערופענעם הונד בזה הלשון: פאַרוואָס עסט דו נישט? טראַץ דעם וואָס די הינד זענען אזוי ביליג האָב איך דאָך שווער געמוזט קעמפען דיך צו פאנגען...

די חיה האָט נישט לאַנג געקלעהרט און געענטפערט: עס איז ווירקליך — דאָס דו קענסט מיינען אז איך בין א הונד, אבער הינדטיש בין איך שוין גאר נישט. אבער נאָך מעהר זיכער איז עס דאָס דיך וועט קיינער נישט האלטען פאר א הונד, אבער הינדטיש ביסט דו שוין צופיעל...

* * *

ווען דער יעגער איז געקומען צו זיך איז שוין געווען צושפּעט...

ווען דער גערופענער הונד האָט איהם שוין געהאט גוט איינ־געביסען האָט ער באַגריפען אז דאָס איז גאָר א וואָלף...

נישט ווייט פון דעם שטעדטעל ל. געפינט זיך א קליין דערפעל אָן א נאָמען, דאָרטען האָט אַמאָל געוואוינט א מענש וועלכער האָט געוואָלט ליעב האָבען די גאנצע וועלט — נישט נור געוואָלט, נור אויך אינסטינקטיוו ליעב געהאט. זענען געקומען גרויסע דאקטוירים און האָבען איהם ערקלעהרט אז זיין ליבע שטאַמט פון רעליגיעזע גע־פיהלען, און זיכער איז עס אויך א געוויסע קראנקהייט און דערצו א גאָר אַלטע...

פרעגט ער זיי — קענט איהר מיר פילייכט פאַרשרייבען א מעדיצין וואָס זאָל מיך אויסהיילען פון דער געוויסער קראנקהייט? ענטפערען זיי איהם — מיט דעם שעהנסטען פארגעניגען, — דו זאָלסט שטענדיג אין זינען האָבען אז דאָס איז אן אלטע קראנקהייט, וועסט דו גלייך געזונד ווערען.

ויהי היום, עס איז געווען אין א טאָג ווען דער מענש איז פּלוצ־לינג געזונד געוואָרען — נאר ער האָט אבער אָנגעהויבען יעדען איינעם פון זיינע מיטמענשען פיינד צו באקומען און צו באליידיגען, און זאַגאַר זיך געשלאָגען איבער די קלענסטע קלייניגקייט. די מענ־שען אַרום איהם האָבען גאָר נישט געוואוסט וואָס פאר אן עצה זיך צו געבען, האָט איינער געמאכט א פאַרשלאַג — אז די זעלבע דאָק־

טוירים זאָלען גערופען ווערען צו פּרובירען אויך אויסהיילען פון דער צרה. די דאָקטוירים זענען גערופען געווארען און האָבען איהם גלייך אונטערזוכט און זיי האָבען אויסגעפונען אז ער איז געוואָרען צופיעל מענשען־פיינדליך, אביסעלע קאָלט און דערווייטערט פון געפיהל.

נון — פרעגט ער זיי, קענט איהר מיר פּילייכט פארשרייבען א מעדיצין וואָס זאָל מיך פאָלקאָם געזונד מאכען?

ניין! זאָגען זיי, עס איז אונמעגליך. די מעדיצינישע וויסענשאפט איז נאָך נישט אזוי ווייט דערגאַנגען.

נון, אויב אזוי — האָט זיך דער מענש צובייזערט, וויל איך נישט געזונד זיין...

און ער איז בעסער געבליבען ביי דער אלטער קראַנקהייט.

איך האָב אמאָל געזעהען א מענש מיט א גרויסען מויל, האָב איך געמיינט אז ער איז א גרויסער רעדנער, האָב איך איהם אויך גלייך געבליקט אויף זיין קאָפּ און שטערען, איז ער געווען מיט קנייטשען, האָב איך געמיינט אז ער איז א דענקער אויך, נאָר זיכער האָב איך דאָך נישט געוואוסט.

פרעג איך איהם: ליבער מענש! ווי קומט דאָס צו אייך אזוי פיעל קנייטשען אויף דעם שטערען? ענטפערט ער מיר — אז ער האָט זיך אָנגעקוועטשט שלאָפענדיג אויף בלויז שטרוי. — האָב איך א טעות געהאט.

פרעג איך איהם ווייטער — ווי קומט דאָס צו אייך אזא גרויס מויל? איהר זאָלט מיר געזונד זיין. דערקלעהרט ער מיר, מחמת ער האָט א שטאַרקען אפּעטיט צום עסען.

נון, אזוי נאָך האָב איך דעם צווייטען טעות געהאָט.

א הונגעריגער האָט זיך געוואָלט טרינקען אין ים, האָט ער זיך איבערקלעהרט אז ער זאָל זיך בעסער טרינקען אין אַ פאָס מיט וויין. צוקומענדיג צום פאָס מיט וויין, האָט ער זיך איבערגעקלעהרט; אַז ער זאָל בעסער טרינקען דעם וויין אין זיך. דאָס לעצטע האָט ער אויסגעפיהרט און דערביי געווען קליגער און פאַרשטענדליכער.

ווען די וועלט האָט צום ערשטען מאָל געזעהען דעם „אמת“, האָט זי איהם געהאַלטען פאר דעם גרעסטען „שקר“, אבער זי איז נישט אין גאַנצען שולדיג געווען אין דעם, דערפאר, ווייל דער „אמת“ איז

דאמאַלסט געווען געקליידט אין א „שקר“ מאנטעל, מחמת ער איז געפּרוּווירען געוואָרען נאַקעט — און מיר אורטיילען דאָך נאָך היינט אויך נאָך דער קליידונג...

ווען א מענש דערקלעהרט זיין קלוגשאפט דורך נאַרישקייט, איז נאָך נישט געדרונגען אז ער איז אַ נאַר, אָדער חס וחלילה קלוג.

די נאַטור לעבט אייביג! פּילייכט דערפאר וואָס זי האָט קיין פאַרשטאַנד נישט? — זיכער נישט דערפאַר.

דער וואָס וויל א הייליגער ווערען — דער קען פּילייכט שוין קיין מענש נישט ווערען; דער וואָס וויל אָבער א מענש זיין — דער קען פּילייכט אויך א הייליגער זיין...

די צייט ביי א געניאל ווערק — איז גרויסער טאָג אין אָנפאנג, גרויסער טאָג אין שאַפען, נאָך גרעסערער טאָג אין ענדיגען.

די פריינדשאפט אין דער פּרימיטיווער צייט האָט זיך פאָרמירט דורך שרעק און מורא; — אין מיטעל־אַלטער — צו געווינען מאכט און קראַפט; אין אונזער צייט — איז די פריינדשאפט צו דעמאַנס־טרירען די פאַלשקייט. קומען דאַרף נאָך די פריינדשאפט צוליעב פריינדשאַפט, און פאַלגליך די ריין איבערמענשליכע און געטליכע פריינדשאפט.

אין פּרימיטיווען צושטאַנד איז די ליבע געווען א בלינדע טרייב־קראַפט; אין מיטעל־אַלטער — א מין זעהענדיגע טרייבקראַפט; אין אונזער צייט איז שוין די ליבע האַלב מענשליך און האַלב איבער. אָ, ניין! האלב אונטער מענשליך. קומען דאַרף נאָך די ריין מענש־ליכע און די אלגעמיין געטליכע ליבע.

עס וועט אַמאָל קומען א צייט... האָט געזאָגט א גרויסער נביא — און וואָס פאר א צייט האָט ער נישט געוואוסט, האָט ער זיך פאר שאַנדע געמאכט שלאָפען — פּיעל בעסער ווי ער וואָלט נישט וויסענ־דיג נביאות געזאָגט...

פאר דעם קעניג פון איראַניע האָב איך געקרוינט א גאַנער, און פאר זיינע נאָכפאָלגער — די געַנז. און ווען איהר ווילט מיך איראַניזירען, קען איך אייך האַלטען — נאָר בלויז פאר געַנז...

ביסט איינזאַם? מענש איינער! פארגעס נישט אז דו קענסט יעדען איך פון דיינע מיטמענשען פארוואַנדלען אין א העלפאַנט מיט א שרעקליך לאַנגע נאָז, און דאָ ביסט דו — דער גרעסטער פיינד פון מענשליכען פראָגרעס...

דערקען זיך זעלבסט! — דאָס האָבען נאָך די אַלטגריכישע פילאָזאָפען געפּריידיגט, און פאר די היינטיגע פילאָזאָפען איז שוין דאָס אַן אַלטע אידעע. די היינטיגע פילאָזאָפען מוזען אימער נאָר נייעס שאפען, דעריבער געפינען מיר ליידער היינט אזוי פיעל פילאָזאָפען וואָס קענען זיך זעלבסט נישט...

ביי דעם „פּאָעט“ קען זיך א „פּלאַנעט“ דערלויבען צו טאַנצען אַ שאַפּעניסען וואַלץ — טראָץ דעם וואָס אין די ווירקליכקייטען גייט דער פּלאַנעט א גלייך באַוועגטען מאַרש.

ביי די מענשען וואָס דרייען דעם „ראָד פון פּראָגרעס“ טרעפט זיך אַמאָל אַן אומגליק, אז איינער דרייט זיך אריין צווישען דעם ראָד, און עס דאַרף אַנגעשטרענגט ווערען פיעל מיה און ארבייט איידער זיינע מיטמענשען שלעפען איהם ארויס, אבער — דאָס איז נאָך אלץ א קלייניגקייט, ווען א קעלבעל וואָלט זיך נישט געשטעלט אקעגען און אויסגעשריגען א גרויסען מ־ע־ע, אז די גאנצע וועלט זאָל ווערען אויפמערקזאם — ווייל אלעס האָט זיך זיין באַשטימונג און באַרוף.

א גרויסער רעדנער האָט אַמאָל דערקלעהרט אויף א פארזאמלונג, אַז די העכסטע שטופע פון מענשליכקייט וועט זיין דאמאָלסט ווען יעדער וועט זיך ווייזען גאַנץ נאַקעט. — האָט די מאסע איהם אויפגעפאָדערט, אַז ער זאָל זיין דער ערשטער זיך צו באַווייזען געַנצליך נאַקעט, און זיי וועלען איהם גלייך נאָכטאַנצען — האָט ער זיי ערקלעהרט, אז זיי קענען נאָר דאמאָלסט זיין נאַקעט ווען זיי וועלען קיינעם נישט נאָכטאַנצען — און אזוי נאָך האָט זיך דער רעדנער לאַגיש באַפרייט און די מאַסע האָט זיך דערוויל פאַרטראַכט...

דעם קינסטלער צו לערנען געפינען זיך א סך בעלנים און אַמאַטאָרען. נון, יאָ — וואָס האָבען זיי צו פאַרלירען דערביי?...

זאָג נאָר דו פריידיגער! לערנסט דעם מענשען קריכען און שטייגען צו די שפּיץ בערג. — פארגעס נישט אז אונזער פלאַכע ערד וועט ווערען א מדבר, אָן פרוכט און אָן שפּייז, און — דאמאָלסט, וועלען מיר אויסגייען פאר הונגער...

עס זענען אויך דאָ א געוויסע צאָל קריטיקער, וועלכע ווערען געבוירען און באַשטימט צו צייגען די וועלט, אז זי האָט א טעות ווען זי זאָגט, אז זיי וויסען פון גאָר נישט.

אַלטע מענשען ווערען יונג

טעאַטער-שפּיעל

אין צוויי אַקטען און זעקס סצענען

פּערזאָנען

איגנאַץ זילבערפלאַקען פּראָפעסאָר בענעדיקט	מיטעל-יעהריג
גראַף פּאַרדאָן גענעראַל ניקיטין אַדוואָקאַט גרייוועמפאָרט	יונגער סטודענט
אַמאַליאַ צויבערגלעקעל קאַרמענסיטא באַספּאַרינאַ	קאַבאַראַט קינסטלערין

דער הינקענדיגער זינגער
דער לייטער פון קאַבאַרעט

יהודה בייניש גימפּעל משה ציפּע לאה דוואָשע	אַלטע לייט אין מושב זקנים

בענדזשאַמין אויגענצאַפּעל
זשאַן מעקאַרטי
פלאָרענס אייראָנבּרוק
אַדוואָקאַט אייזענשטיין
רעפּאָרטערס.
דער ניגער

ריכטער, פּאָליציי, דעטעקטיווס, געסט,
סטודענטען, אַרטיסטען, טענצער, זינגער.

(צייט — געגענוואַרט)

ערשטער אַקט

(אַ קליין שטעטדטעל אין איירָאפּאַ. אין אַ קאַבאַרעט וואָס טראָגט דעם נאָמען „**דער פויגעלדיגער פונקט**". דער נאָמען זעהט זיך אויך מיט עפעקט גרויסע בוכשטאַבען אין מיטעל־פונקט. — פאָלגליך אַ גערינ־געלטער טאַנץ־פּלאַץ. — ביי די זייטען — טישען מיט פיינע פּליושענע זיץ פלעצער. אין איינִיגע סעפּערירטע פלעצער מיט געעפענטע פויר־האַנגען וועלכע קענען נאָך וואונש פאַרמאַכט ווערען.

איינִיגע מוזיקער זיצען אין אַ ווינקעל און שפּילען זשעז מוזיק פון צייט צו צייט. — ס'איז יום־טוב'דיג געשטימט. וואַקאַציאָנס צייט־אוגוסט.

אַ גרופּע סטודענטען וואָס זענען אהיים געקומען פון די גרויסע שטעדט האָבען זיך דאָ פאַרזאַמעלט מיט זייערע באַקאַנטע דאַמען.

די סטודענטען טראָגען אוניפאָרמירטע היטלען.

אַנדערע טישען פאַרנומען פון איינצעלנע — און אויך הערען מיט דאַמען.

איידער דער פורהאַנג דערהויבט זיך הערט זיך שוין די פריידיגע שטימונג פון געזאַנג און גערויש.)

(פורהאַנג אויף)

ד י ס ט ו ד ע נ ט ע ן

אַ — די וויסענשאַפט — די וויסענשאַפט — די וויסענשאַפט —
יאַ — א גרויסע קראַפט — א גרויסע קראַפט — א גרויסע קראַפט —
אייביג — אין יעדע צייט — אין יעדע צייט — אין יעדע צייט —
צי דאַ — צי דאָרטען — פון נאָהנט און ווייט—פון נאָהנט און ווייט—
עס האָט דאָך דער מענש די גרויסע מאַכט — די גרויסע מאַכט —
פריינד! מיר הוליען היינט — אַ גאַנצע נאַכט — א גאַנצע נאַכט —
געדענקט זשע — פארגעסט נישט — ווער איהר זייט — און וואָס
איהר זייט —
פאַר די וויסענשאַפט — זענען מיר גרייט — זענען מיר גרייט —
(שטעלען זיך אויף און קלינגען מיט די גלעזער)

זאָל דאָס לעבען זיין — ווי עס באַדאַרפט — און וואָס עס קען —
פון גענוס צו געזונד — און פון די ליבע דער ברען —
הוראַ — הוראַ — מיר טרינקען דעם פייערליכען ווייז
און זאָלען מיר אַלע — גליקליך זיין — יאַ גליקליך זיין —

הוראַ — הוראַ — הוראַ —
וויוואַט — וויוואַט — וויוואַט —
(טרינקעןליידענשאַפטליך. די מוזיק באַגינט אַ לעבעדיגען
(פאַקס טראַט און אלע כאַפּען זיך צום טאַנץ. צווישען
(דעם טאַנץ קומט אריין **איגנאַץ זילבערפלאַקען** מיט א
(פאַרזאָרגטעס געזיכט, קענטיג געקומען נאָך צושטרייאונג.
(ער נעמט פּלאַץ אין א סעפּאַרע וואָס באמערקט זיך גוט.
(דער פאַקס טראַט ענדיגט. אלע פארנעמען די פּלעצער.
(דער קאַבאַרעט לייטער ערשיינט.

ד ע ר ק אַ ב אַ ר ע ט ל י י ט ע ר: פאַרעהרטע געזעל־שאַפט! איך וועל אייך פאַרשטעלען די ערשטע אַטראַקציע פון היינ־טיגען אָוועגד — פאַלגליך די באַוואוסטע זינגערין און טענצערין פריי־לין אַמאַליא צויבערגלעקעל — זי וועט פאר אייך טאַנצען דעם עגיפּ־טישען ווירבעל־טאַנץ.

(אַלע אַפּלאַדירען. די מוזיק שטימט פייערליכען איינטריט.
(פריילין צויבערגלעקעל ערשיינט און טאַנצט אויס דעם
(טאַנץ. — בראַוואָ קלאַטשען און באגייסטערטע אויסרו־
(פען הערען זיך פון איבעראַל. באַזונדערס קלאַטשט זעהר

(שטאַרק איגנאָץ זילבערפלאַקען. — נאָכהער ווען די רו־
(היגקייט טרעט איין דערנעהענטערט זיך אַמאַליאַ צויבער־
(גלעקעל צו זילבערפלאַקען.

אַ מ אַ ל י אַ צ ו י ב ע ר ג ל ע ק ע ל : גוט אָוועגט, פריינד זילבערפלאַקען.

ז י ל ב ע ר פ ל אַ ק ע ן (זיך אויפשטעלענדיג) : **האָב איך די עהרע און דאָס פאַרגעניגען אייך צו באַגריסען.**

אַ מ אַ ל י אַ צ ו י ב ע ר ג ל ע ק ע ל : ווי געהט עס, פריינד זילבערפלאַקען ?

(די נעמט פלאַץ. זילבערפלאַקען איין גלייכע באַוועגונג
(זעצט זיך אויך.

ז י ל ב ע ר פ ל אַ ק ע ן : ווי עס געהט ? — אָה יאָ — עס האָט געקענט זעהר — זעהר וואונדערבאַר גוט געהן — זאָל איך אזוי לעבען — איך וואָלט היינט געווען אַ מיליאָנער — און אפשר גאָר אַ ביליאָנער — זאָל איך אזוי לעבען — זאָל איך אזוי לעבען — א ביליאָנער — אָבער (מיט אַ זיפץ) **נו־נו־נו — איז דאָך אָבער אַלץ דער אָבער** (רופט) **קעלנער — קעלנער — ווייטער — וואו איז ער ערגיץ ?** (דער קעלנער קומט צו) **אַ פלאַש שאַמפּאַניער — דעם גוטען — דעם בעסטען.**

א מ א ל י א צ ו י ב ע ר ג ל ע ק ע ל : איך וואָלט צום ערשט טרינקען עטוואָס בענעדיקטין.

ז י ל ב ע ר פ ל אַ ק ע ן (שרייט נאָך) : **ברענגט אויך א פלאַש בענעדיקטין — דעם גוטען פראַנצויזישען בענעדיקטין.**

א מ א ל י א צ ו י ב ע ר ג ל ע ק ע ל (פאַנגט אָן צו זינגען דאָס ליעד פאַר זיך און אויך פאר אלעמען.

די אויגען פינקלען פייערדיג
די ברוסט באַוועגט זיך מחיה׳דיג
און עס פיהלט זיך זעהר יום טוב׳דיג
נאָך מעהר, נאָך מעהר, ווי פורים׳דיג.

ער דריקט זי, קושט זי צוקערדיג —
זי דריקט איהם, קושט איהם האָניגדיג
און די וועלט איז דאָך גן־עדן׳דיג
און זייט שוין מיר ווי פורים׳דיג.

נאָך מעהר — נאָך מעהר — ווי פורים׳דיג
נאָך מעהר — נאָך מעהר — ווי פורים׳דיג

(די סטודענטען און די גאנצע געזעלשאַפט כאַפּען אונטער
(ס׳ליד און זינגען אלע צוזאַמען מיט דעם אָרקעסטער אין
(לעבעדיגען טעמפּאָ. אַמאַליא און זילבערפלאָקען זינגען
(מיט.

אַ ל ע (מיט אָרקעסטער)

די אויגען פינקלען פייערדיג
די ברוסט באַוועגט זיך מחיה׳דיג
און עס פיהלט זיך זעהר יום טוב׳דיג
נאָך מעהר — נאָך מעהר — ווי פורים׳דיג.

ער דריקט זי, קושט זי צוקערדיג
זי דריקט איהם, קושט איהם האָניגדיג
און די וועלט איז דאָך גן־עדן׳דיג
און זייט שוין מיר ווי פורים׳דיג.

נאָך מעהר — נאָך מעהר — ווי פורים׳דיג
נאָך מעהר — נאָך מעהר — ווי פורים׳דיג

(דער קעלנער ברענגט דעם שאַמפּאַניער און דעם בענע־
(דיקטין, און אמאליא מיט זילבערפלאָקען כאַפּען זיך צום
(טרינקען מיט פארלוירענעם געדולד — דורך די צייט
(כאַפּט זיך איין סטודענט ארויס פון זיין געזעלשאפט אין א
(שיכור׳ן צושטאַנד און פאַנגט אָן צו טאַנצען און פאַלט—
(איינינע סטודענטען נעמען איהם צוריק צום טיש.

ז י ל ב ע ר פ ל אָ ק ע ן: מיט אַ יאָהר צוריק אין דער צייט בין איך נאָך געווען אין נויאָרק — געוואוינט אויף ריווערסייד דרייוו — אין שעהנסטען געגענד פון שטאָדט — געמאכט שטיקער גאָלד,

געהאַט צוויי אויטאָמאָבילען — אַ זומער קאַטעדזש אין אסבורי פּאַרק — אַך באַשערט אַן אומגליק — (טרינקט פּיעל) וואָס האָט מיר געפּעהלט? וואָס האָט מיר געפעלט?

א מ אַ ל י א: נישט געזאָרגט, פריינד זילבערפלאַקען — עס וועלען נאָך קומען די גוטע צייטען — צום ערשט פאר אַלעמען דאַרף מען לעבעדיג זיין — נישט פאַרלירען דעם מוט — הוליען — איין מאָהל לעבט מען נאָר אויף דער וועלט — צום וואויל זיין, פריינד זילבערפלאַקען —

ז י ל ב ע ר פ ל אַ ק ע ן (קלאַפּענדיג גלאָז צו גלאָז): צום וואויל זיין — צום וואויל זיין — (טרינקט פּיעל).

ג ר אַ ף פ אַ ר ד אָ ן (שטעלט זיך אויף): סטודענטען, מיר לעבען אין א גרויסע צייט.

ס ט ו ד ע נ ט ע ן (קלאַטשען בראַוואָ):
האָך אונזער פרעזידענט דער גראַף פּאַרדאָן —
האָך — צוועלף מאָהל האָך.

ג ר אַ ף פ אַ ר ד אָ ן: סטודענטען, מיר לעבען אין א גרויסע צייט — א צייט פון וויסענשאַפט — פון ערפינדונגען — פון פּראָגרעס — וואו יעדען טאָג דערגרייכען מיר גרויסע רעזאָלוציאָנען — פאַרדאָן — וויל איך זאָגען רעזולטאַטען.

ל י י ט ע ר פ ו ן ק אַ ב אַ ר ע ט: פאַרעהרטע געזעלשאַפט! איך וועל אייך יעצט פאַרשטעלען דעם הינקענדיגען זינגער וועלכער וועט אייך זינגען דאָס ליעד „די טראַגעדיע פון א הינקענדיגען זינגער".

(אַלע קלאַטשען בראַוואָ — דער זינגער ערשיינט הינקענדיג
— פון קאָמישען אויסזעהן מיט א לאַנגע דיקע רויטע נאָז.)

ה י נ ק ע נ ד י ג ע ר ז י נ ג ע ר (זינגט באַס־טענאָר־באַרי־טאָן און אויך קאָנטראַלטאָ): איך וועל אייך זינגען דאָס ליעד...

ס ט ו ד ע נ ט ע ן: אַ—האַ—האַ־האַ—האַ־האַ—האַ־האַ־האַ —

ד ע ר ז י נ ג ע ר: ס'געזאַנג פון א הינקענדיגען זינגער.

ס ט ו ד ע נ ט ע ן: ראַ־ראַ — טי — טאַראַ — טאַראַ.

ז י נ ג ע ר: נישט פרעגט צי כ'בין קריסט אָדער איד.

ס ט ו ד ע נ ט ע ן: אָהאָ—האָהאָ—האָהאָ—האָ־האָ־האָ —

ז י נ ג ע ר: און צי בין איך זאַט אדער כ׳הונגער.

ס ט ו ד ע נ ט ע ן: ראַ־ראַ — טי — טאַראַ — טאַראַ —

ז י נ ג ע ר: אַמאָל האָב איך אויך געליעבט...

ס ט ו ד ע נ ט ע ן: אָהאָ—האָהאָ—האָהאָ—האָ־האָ־האָ —

ז י נ ג ע ר: א מיידעל — שעהן ווי א — אַ — בריליאַנט —

ס ט ו ד ע נ ט ע ן: ראַ־ראַ — טי — טאַראַ — טאַראַ —

ז י נ ג ע ר: און יעצט אויף אייביג באַטריעבט.

ס ט ו ד ע נ ט ע ן: אָהאָ—האָהאָ—האָהאָ—האָ־האָ־האָ —

ז י נ ג ע ר: זי האָט מיר ענטזאָגט איהר האַנט.

ס ט ו ד ע נ ט ע ן: ראַ־ראַ—טי—טאַראַ—טאַראַ —

ז י נ ג ע ר: דאָס מיינט אַז כ׳בלייב שוין אליין.

ס ט ו ד ע נ ט ע ן: אָהאָ—האָהאָ—האָהאָ—האָ־האָ־האָ —

ז י נ ג ע ר: אויך מיין שטים א פאַרבלאָנדזשעט טייבעל...

ס ט ו ד ע נ ט ע ן: ראַ־ראַ—טי—טאַראַ—טאַראַ —

ז י נ ג ע ר: טיעף דער שמערץ — טיעף דער געוויין.

ס ט ו ד ע נ ט ע ן: אָהאָ—האָהאָ—האָהאָ—האָ־האָ־האָ —

ז י נ ג ע ר (דונערענד): גיב מיר גאָט א ליבסטע אלס ווייבעל.

ס ט ו ד ע נ ט ע ן (מעכטיגער): ראַ־ראַ—טי—טאַראַ—טאַראַ —

(אלגעמיינע בראַווא קלאַטשען — דער זינגער פאַרנייגט
זיך אייניגע מאָל און געהט פאָרט. עס ערשיינען א גרופּע
יונגע טענצערינען און זינגערינס מיט א יונגען מענליכען
טענצער אין צענטער און טאַנצען א פריילּיכען טאַנץ
און זינגען צוגלייך.)

די גרופּע

אַ יוגענד — יוגענד —
ליבע און פרייד
נישט דאָ קיין זאָרגען
אין אונזער צייט. —
די צייט פון לעבען
און פון געַנוס
די גוטע שטימונג
און קיין פאַרדרוס
דאָס גוטע געַנזעל
מיט גוטען ווייַן
וואָס קען נאָך בעסער,
נאָך בעסער זיין ?

דאָס שעהנע מיידעל —
יאָ וואָרט אויף אייך
און דו — יונגערמאַן
דערקען זי גלייך —
אויף איהר שעהן קעפּעל
א בלומען קראַנץ
און נעמט אייך ארום —
צום טאַנץ — צום טאַנץ —
דער טאַנץ פון ליבע
מוזיק און קלאַנג
דאָס ליעד פון לידער
ווייַן — ווייב — געזאַנג —

(אַלגעמיינע קלאַטשעריי. די טענצער פארנויגען זיך און געהען פאָרט. דער אָרקעסטער פאנגט אָן צו שפּילען „וואלענציא״ און אלע כאפּען זיך מיט באגייסטערונג צום טאַנץ. אויך זילבערפלאָקען קריכט שוין אביסעל שיכור־לאָך ארויס מיט אמאליא און נעמען זיך טאַנצען — אַמאַ־ליא זינגט מיט א ליעד צו דער מוזיק אין הויכען טאָן סאָלאָ.)

אַ מ אַ ל י אַ

ווי שעהן די וועלט איז?

ווייסט דאָך זיכער — יעדער מענש — נישט פון היינט אָן...

און וואָס געננוס איז?

ווייסט דאָך אויך אַ נאַר — וואָס האָט קיין היים און פאָהן...

קומט אַ געדאַנק איין —

אידעע פון לעבען איז דאָך פּאַראַדיזיש —

און דער מענש — געוויס —

מוז אויך לעבען — גייסטיג שעהן — און אויך פיזיש...

(אַלע צוזאַמען מיט שטאַרקען טעמפּאָ אין באַגייסטערונג)

אַ ל ע

ווי שעהן די וועלט איז?

ווייסט דאָך זיכער — יעדער מענש — נישט פון היינט אָן...

און וואָס געננוס איז?

ווייסט דאָך אויך א נאַר וואָס האָט קיין היים און פאָהן...

קומט אַ געדאַנק איין —

אידעע פון לעבען איז דאָך פּאַראַדיזיש —

און דער מענש — געוויס

מוז אויך לעבען — גייסטיג שעהן און אויך פיזיש...

(דער טאַנץ ענדיגט. אלע פאַרנעמען צוריק די פּלעצער. און זילבערפלאַקען, שוין עטוואָס מעהר שיכור׳לאך, פאַנגט אָן צו רעדען צו אַמאַליא.

ז י ל ב ע ר פ ל אָ ק ע ן — אַ יאָ־יאָ. — איך וואָלט שוין יעצט געווען אַ מיליאָנער. —און פיליכט גאָר א ביליאָנער. איך האָב געפיהרט גרויסע געשעפטען. — כ׳האָב צוגעשטעלט ליקערען, וויינען און שאַרפע געטרענקען אין הונדערטער פּלעצער. געהאט אייגענע ברייזלאך. אליין פאַבריצירט. געוואוינט אין ניו יאָרק אין רייכסטען געגענד אויף ריווערסייד דרייוו. — נון גיבט עס דאָך אָבער אין אמעריקא פּראָהיבישאָן — פּראָהיבישאָן. איז מען מיך באפאלען אין א שעהנעם העלען טאָג — און פון אלץ איז געוואָרען גאָר נישט — גאָר נישט. — איך בין קוים אנטלאָפען מיט׳ן לעבען צוריק אין מיין אַלטע היים.

אַ מ אַ ל י א — שרעקליך — שרעקליך —

ז י ל ב ע ר פ ל אָ ק ע ן: דאָן האָבען זיי זיך אויך דערוואוסט אַז איך פלעג שמוגלען בריליאַנטען און אנדערע ארטיקלען וואָס זיינען נישט ערלויבט — נו, פרעג שוין גאָר נישט, טייערע אַמאַליא, ווען זיי כאַפּען מיך אין נויאָרק —

אַ מ אַ ל י א: ווי ניי געבוירען — ווי ניי געבוירען, פריינד זילבערפלאָקען. דו האָסט דיך באפרייט, נו טרינקען מיר פאר דיין באַפרייאונג. (זיי טרינקען און קלינגען מיט די גלעזער).

ז י ל ב ע ר פ ל אָ ק ע ן: אָבער ווי מאַכט מען יעצט די געלד — די דאָלאַרס, די שווערע דאָלארס? מיט וועלכע מען קען די וועלט באַזיעגען.

ג ר אַ ף פ אַ ר ד אָ ן (זיך אויסשטעלענדיג): פארעהרטע פריינד סטודענטען און אַלע וואָס איהר זייט דאָ פאַרזאַמעלט. עס איז קיין צווייפעל אז אונזער פראָגרעס געהט מיט שנעלע טריט — און ווער ארבייט נאָך אזוי טריי דעם פראָגרעס ווי מיר סטודענטען? און וואָס פאַר אַ פראָגרעס וואָלט דאָס געווען אָן שטודיום? עס וואָלט געווען ווי באַ־מ־ט — ווי באַ־פּ־ידעלט — פאַרדאָן וויל איך זאָגען באַזי־דעלט... עס וואָלט געווען א שאַנדע פאַר דער מענשהייט און פאר דער וועלט ווען עס וואָלט קיין גייסטיגקייט ניט געווען, קיין תורה, דאַמאָלסט וואָלט אויך קיין ה־חכמה אויך נישט געווען — עס וואָלט געווען חושך — ווי — פאַר — די — מ־מ־עשה — ווי פאַר די מעשה, פאַרדאָן — וויל איך זאָגען ווי פאר די מעשה בראשית, — עס איז געוויס שוין אלעמען באקאנט אַז די וויסענשאפט האָט שוין זאָגאר געפונען א מיטעל פון אלט צו מאַכען יונג. — הערט א מעשה — געפונען א מיטעל ווי אזוי פון אַלט צו מאַכען יונג — און מיט גאָר אַ וויסענשאפטליכע מעטאָדע — עס ווערט פאַרפלאַנצט אין דעם אלטען מענשען א דריז — און דער מענש ווערט ווי ניי געבוירען א יונגער מענש — א יונגער מענש — וואונדער — איבער וואונדער.

ס ט ו ד ע נ ט ע ן: וואונדער איבער וואונדער.

(זילבערפלאָקען וועלכער זיצט שוין יעצט אליין וועלכער
(האָט זיך אויך זעהר טיעף און שיכור׳לאך צוגעהערט צו
(דער רעדע, איז זעהר נערוועאיש געדעגט און רעדט צו
(זיך זעלבסט.

ז י ל ב ע ר פ ל אָ ק ע ן

אָוואַ — אָוואַ — פון אַלטע מענשען מאַכען יונג
פון — אַלטע — מענשען — מאַכען — יונג —
(זעהר שלעפעריג) פון אַל—טע מענ—שען מאַ—כען יונג — —

(פוירהאַנג פאַלט)

(פאַרוואַנדלונג — אין געזעלשאַפט זאַל פון מושב זקנים. עס זיצען אַרום איינינע אַלטע מענער מיט מורא׳דיגע לאַנגע בערד, און אויך אַלטע פרויען פון וועלכע מאַנכע שטריקען עטוואָס אָדער העפטען וואָס אויס. פון די מענער לעזט איינער א צייטונג, אַן אַנדערער די ביבעל.

י ה ו ד א ב י י נ י ש (לעזענדיג די צייטונג): **האָסט דו געהערט גימפּעל משה? — מען האָט ערפונדען א מיטעל צו קענען מאַכען רעגענען צו יעדע צייט — און צו קענען אָפּשטעלען דעם רעגען ווען עס וועט זיין גענוג.**

ג י מ פּ ע ל מ ש ה (האַלטענדיג די ביבעל אין האַנט): **משיח׳ס צייטען — משיח׳ס צייטען —**

י ה ו ד ה ב י י נ י ש: **פאַר ארץ ישראל וועט עס זיין ווי געוואונשען — משמעות דאָרט רעגענט אזוי ווייניג.**

צ י פּ ע ל א ה (גענעצט): **ארץ ישראל — ארץ ישראל — ווי וואָלט איך, ריבונו של עולם, שוין זיין דאָרטען.**

י ה ו ד ה ב י י נ י ש: **ארץ ישראל — דאָס לאַנד פון זבת חלב ודבש.**

ד ו ו אָ ש ע: **וואָס? ווער רופט דאָס מיך?**

צ י פּ ע ל א ה: **ניין, מען רופט אייך נישט — מען מיינט ארץ ישראל — דאָס לאַנד פון זבת חלב ודבש.**

ד ו ו אָ ש ע: **האָסט דו געהערט — ס׳איז דאָך מיין נאָמען.**

י ה ו ד ה ב י י נ י ש: **טאַקע אייער נאָמען — אָבער ס׳מיינט עפּעס אַנדערש.**

ד ו ו אָ ש ע: **פאַרדרייט זיך אייער קאָפּ, ר״ב בייניש.**

יהודה ביינ יש (לעזענדיג): אין מצרים האָט מען אויסגעגראָבען צוועלף טויזענד פוד מצות וואָס אונזערע אחינו בני ישראל זאָלען האָבען פארגעסען אין דער צייט ווען זיי זענען אנטלאָפען פון פרעה׳ן.

גימפעל משה: ווי איז דאָס מעגליך? די אידען האָבען נאָך דאמאָלסט קיין מצה נישט געגעסען.

יהודה ביינ יש: פון וואַנען ווייסט איהר?

גימפעל משה: פון וואַנען איך ווייס — אין דער תורה געפין איך נישט אַן אָרט וואו עס איז געשריבען אז די אידען האָבען געגעסען מצות בעפאָר יציאת מצרים.

יהודה ביינ יש: נו, זייט שוין נישט קיין נאַר, ר״ב גימפעל — די אידען האָבען שוין געגעסען מצות איידער פרעה אין מצרים האָט עקזיסטירט.

גימפעל משה: פון וואַנען ווייסט איהר דאָס ווידער?

יהודה ביינ יש: דער מצה בעקער אליין, בכבודו ובעצמו, האָט עס מיר דערציילט.

גימפעל משה: פון וואַנען ווייסט ער דאָס ווידער דער גראָבער יונג?

יהודה ביינ יש: אז דער מצה בעקער, בכבוד ובעצמו, זאָל עס נישט וויסען ווער זשע דען זאָל עס וויסען?

גימפעל משה: איז דאָך שוין דוואָשע גערעכט — פאר־דרייט זיך אייער קאָפּ ר״ב ביינ יש. (פארטיפט זיך ווידער אין דער ביבעל).

יהודה ביינ יש (פלוצלינג בארוישט לעזענדיג די צייטונג): אוואַ—אָוואַ—אָוואַ — עס איז געקומען פון אייראָפּא דער גרויסער פראָפעסאר בענעדיקט, וועלכער מאכט אלטע מענשען יונג— דער זעלבער פראָפעסאר וואָס האָט געמאכט א פינף און ניינציג יעה־ריגען מענשען פאר א פינף און דרייסיג יעהריגען — א פינף און זיבעציג יעהריגען פאר א חתן בחור פון אכצעהן יאָהר — אָוואַ — אָוואַ!

ג י מ פ ע ל מ ש ה: משיח׳ס צייטען — משיח׳ס צייטען.

צ י פ ע ל א ה: איי—איי—איי — ווען ער וואָלט מיך נאָר יונגער געמאכט מיט וועניגסטענס א דרייסיג יאָהר, איך וואָלט איהם אוועקגעגעבען מיין גאַנץ פאַרמעגען.

ג י מ פ ע ל מ ש ה: איך מוז דערפון געפינען א רמז אין די הייליגע תורה. (בלעטערט די ביבעל).

ד ו ו אָ ש ע: ווען ער קען פון מיר צוריק מאכען די יונגע פלעפערקע — איך וואָלט געוואָרען א מואווינג פיקטשור אקטריסע.

(עס קומט אריין דער אויפזעהער פון מושב זקנים (דער פריהערדיגער לייטער פון קאַבאַרעט.)

ד ע ר א ו י פ ז ע ה ע ר: עס איז געקומען צו אייך דער פאַריונגונגס אַגענט פון פראָפעסאָר בענעדיקט, וועלכער וויל אייך אויפ־קלערען ווי אזוי איהר קענט צוריק ווערען יונגע מענשען. (רופט) קומט אריין — קומט אריין, פארעהרטער הער.

(עס קומט אריין גראַף פּאַרדאָן).

ג ר אָ ף פּ אַ ר ד אָ ן: אַ גוט יאָהר אייך ליבע לייט — איך בין געקומען מיט א ברכה צו אייך — און וואויל וועט אייך זיין אז איהר וועט באַנעמען מיינע רייד און באנוצען זיך מיט דער הילף פון דער וויסענשאפט. — — דער גרויסער פראָפעסאָר בענעדיקט האָט מיך געשיקט צו אייך — דערציילען אייך אז ער קען אייך צוריק מאַכען פאר יונגע מענשען — איהר הערט? ער קען אייך צוריק מאַכען פאר יונגען מענשען — און זייט פול מיט פרייד און שטאָלץ אויף דעם זיעג פון דער וויסענשאפט — דאָס איז נאָך מעהר ווי תחית המתים — דאָ זעהט איהר ממש מיט אייערע אייגענע אויגען אליין ווי איהר ווערט צוריק יונג — און באקומט א נייע קראפט — נייע ליבע — נייע ענערגיע — נייע בענקשאַפט — איהר ווערט פונקט ווי ביי געבוירען. — איך האָב מיט מיר יעצט מיטגעבראכט איינינע פריינד וועלכע זענען פריהער געוועזען אלטע לייט אין פארשידענע מושב זקנים׳ס, און זעהט אליין די וואונדער. (רופט) קומט אריין — און זאָלען זיך די אלטע לייט אליין איבערציינען.

(ס׳קומען אריין א גרופע יונגע לייט, מענער און פרויען פון פריהערדיגען כאָר און סטודענטען אונטער דער פיהרער־שאַפט פון אַמאַליא צויבערגלעקעל.

אַ מ אַ ל י א צ ו י ב ע ר ג ל ע ק ע ל (זינגט אליין
אַ הערט איהר אַלטע מענשען — איהר אלטע לייט —
די וועלט איז פול מיט גרויסע וואונדער,
דאָס זאָל מען זיך דערוויסען פון נאָהענט און ווייט
ווי אַלטע מענשען ווערען קינדער.

און גלייך פאַנגט מען אויף צו לעבען גאָר אויפס׳ניי
מיט פאַרגעניגענס פריי פון זאָרגען,
ווי די ליבע ווערט געשפּילט אזוי געטריי
אַז מען געדענקט זי אויך אויף מאָרגען.

כ אָ ר (זינגענדיג און טאַנצענדיג)
און האָט שוין דאָך אַביסעל מוט
און שאַפּט זיך איין די פרייד.
אַ יונג זיין איז דאָך טאַקע גוט
ווער איז צו דעם נישט גרייט...

אַ מ אַ ל י א
כ׳בין געווען אַן אַלטע פרוי פון אַכציג יאָהר
און טאַקע דאָ אין ניו יאָרק סיטי,
און באַליעבט אין מושב זקנים ביז גאָר —
די צייט געווען אין פרידענס טריטי —
מיין אלטער זיוויג איז מיר שוין לאַנג א סוד
דאָקטאָר בענעדיקט ווי משיח —
מאַכט מיך יונגע פריילייין פון אן אלטע מויד
אַזש ס׳זאָל אין איהם אריין א רוח.

כ אָ ר
און האָט שוין דאָך אַביסעל מוט
און שאַפּט זיך איין די פרייד
אַ יונג זיין איז דאָך טאַקע גוט
ווער איז צו דעם נישט גרייט...

אַ מ אַ ל י אַ
און די אַלע מיינע יונגע שעהנע פריינד
פון שיקאגא — ניו יאָרק — פון דאָ און דאָרטען
ווען איהר זעהט דאָ פאַר אייך אזוי נאָהנט היינט
קומען פון מושב זקנים׳ס גאָרטען.

געוועזען מיט יאָהרען געבוג אזוי אַלט
האָבען זיך מיט אַ געניץ געקוויקט,
געוועזען אין איין שרעק פאר די האָזען פון וואַלד
און נאָר זיך מיט דעם טאַבאַק ענטציקט.

כ אָ ר
און האָט שוין דאָך אַביסעל מוט
און שאַפט זיך איין די פרייד
אַ יונג זיין איז דאָך טאַקע גוט
ווער איז צו דעם נישט גרייט...

ג ר אַ ף פ אַ ר ד אָ ן: אַלזאָ מיינע ליבע מענשען, איך האָב אייך איבערצייגט — און זעהט מיט אייערע אייגענע אויגען די וואונדער פון דער וויסענשאפט — דאָס וואָס איהר האָט זיך אפילו נישט פאַרגעשטעלט אין משיח׳ס צייטען, זעהט איהר מיט אייערע אייגענע ברילען — פאַרדאָן וויל איך זאָגען בליקען — יאָ בליקען — איי־איי־איי ווי קומט שוין די צייט אַז איהר זאָלט שוין האַלטען אויף דעם דרך — נו־נו־נו, ווער איז דער ערשטער פון אייך זיך צו פארשרייבען אויף יונג צו ווערען? איך מיין ווער איז דער ערשטער פאַציענט?

ג י מ פ ע ל מ ש ה: איך בין גרייט.

י ה ו ד ה ב י י נ י ש: איך אודאי —

צ י פ ע ל א ה: פאַרשרייבט מיך אויך — איך וויל אויך יונג ווערען — מיט וויפיל קען איך דאָס איגגער ווערען, איהר זאָלט מיר געזונד זיין?

ג ר אַ ף פ אַ ר ד אָ ן: מיט גאַנצע פופציג יאָהר קענט איהר איגגער ווערען, אויב נישט נאָך מעהר?

צ י פ ע ל א ה: איך וועל אייך גוט באצאָהלען דערפאר — איך וועל נישט קאַרגען — איך האָב א רייכען איידעם.

ד ו ו אָ ש ע: איך בין אויך נישט קיין שנאָרערטע. מיין טאָכטער פאַרמאָגט דריי הייזער, און מיינע צוויי זיהן האָבען גרויסע געשעפטען אויף בראָדוויי — און איך אליין פאַרמאָג נאָך אויך א פאָר טויזענד.

ג ר אַ ף פּ א ר ד אָ ן — וואונדערבאר באַבישי — איך זאָל אייך שוין אין קורצען רופען — פרייליין — מיר וועלען אייך מאכען אזוי יונג ווי א צוואנציג יעהריג מיידעל — נו באַבישי זייט איהר צופרידען? איהר וועט נאָך ווערען א מאווינג פּיקטשור אקטריסע און פאַרדינען שווערע גאָלד.

ד ו ו אָ ש ע (קלאפּט צו מיט׳ן פּוס מיט גלויבען און באגייסטערונג): איך וועל טאקע ווערען א מאווינג פּיקטשור אקטריסע — וואָס האָב איך צו פאַרלירען דערביי — ווען איך וועל זיין א יונגע פלעפּערקע, קען איך אלעס אויספיהרען — אַלבעטשע —

י ה ו ד ה ב י י נ י ש — מיט וויפיעל יאָהר קען איך דאָס אינגער ווערען? איהר זאָלט מיר געזונד זיין—

ג ר אַ ף פּ אַ ר ד אָ ן: איהר וועט ווערען אזוי יונג ווי א צוואַנציג יעהריגער באָם — פאַרדאָן וויל איך זאָגען ווי א צוואנציג יעהריגער באַי — דאָס הייסט גאָר א יונגערמאַן.

ג י מ פּ ע ל מ ש ה: זאָגט שוין מיר אויך מיסטער לעבען! מיט וויפיעל וועל איך דאָס אינגער ווערען?

ג ר אַ ף פּ אַ ר ד אָ ן: איי־איי — אלטע לייט — איהר זאָלט מיר נאָר געזונט און גליקליך זיין—איך קען אייך איבערגעבען נאָך א גרעסערען סוד — אַז מיר קענען אייך מאַכען אזוי יונג ווי א קינד אַפילו, אויב איהר זאָלט נאָר וועלען — מיר האָבען אין סאַראַטאָגא ספּרינגס א קינדער גאָרטען אזוי גרויס ווי פינפטע עוועניו — און מיר האָבען ענטדעקט מילך ספּרינגס וועלכע שטראָמען מיט מילך טאָג און נאַכט.

ג י מ פּ ע ל מ ש ה (קלאַפּט מיט׳ן פוס אין קעלבערנע התפעלות): ווייזט מיר אַ רמז — אַ וואונק אין די הייליגע תורה וועגען דעם.

ג ר אַ ף פּ אַ ר ד אָ ן (נעמט ארויס א בילד מיט א ביבליש נביאיש געזיכט, שנעע ווייסע גרויע באָרד מיט אן עפּיקורעאישען וואונק): זעהט — אַ וואונק —

ג י מ פּ ע ל מ ש ה — משיח׳ס צייטען — משיח׳ס צייטען —

ג ר אָ ף פ אַ ר ד אָ ן (צו אַמאַליא ווינקענדיג שעלמיש): זינג זיי נאָר דאָס לידעל פון יונגע ליבע און יונגע פרייד.

אַ מ אַ ל י א צ ו י ב ע ר ג ל ע ק ע ל (גיט אויפ׳ן וואנק א קאָנצענטריר דעם כאָר).

ווער עס ווייסט פון יונגע ליבע
ווייסט אויך פון יונגע פרייד,
און עס איז א לוסט צו לעבען
און יום טוב איז די צייט.

יעדען טאָג א נייע בענקשאַפט
און יעדען טאָג אַ טרוים
אין דעם גאָרטען פון דער ליבע
באַגריסט אייך יעדער בוים.

(טאַנצען)

ג ר אָ ף פ אַ ר ד אָ ן (צו די אַלטע לייט): נון — באַווייזט אויך וואָס איהר קענט, טאַנצט מיט אונז צוזאַמען.
(גראָף פאַרדאָן פאַנגט אָן מיט צו טאַנצען. די אלטע לייט
(שטעלען זיך אויף און טאַנצען מיט שטעהענדיג אויף אן
(אָרט שעמעוודיג צוריקגעהאלטען.

אַ מ אַ ל י א
און נישט קיין זאָרגען און טראַכטען
לעבעדיג אלטע לייט
איהר האָט שוין צוריק די יוגענד
איהר האָט שוין אויך די פרייד...

כ אָ ר
און נישט קיין זאָרגען און טראַכטען
לעבעדיג אלטע לייט
איהר האָט שוין צוריק די יוגענד
איהר האָט שוין אויך די פרייד...
(אַלע טאַנצען)
(פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם)

(פאַרוואַנדלונג — אין קאַבינעט פון פּראָפעסאָר בענעדיקט אין
(דעם מיטעלפונקט פון דער ביהנע איז אויפגעשטעלט א צימער פון
(גרויען לייוענט מיט אן אויפשריפט: „דאַס כירורגישע קאבינעט״.
(ארום דעם צימער איז דער אויפנעם פלאץ וואו ער אונטערהאנדעלט
(מיט זיינע פּאַציענטען. ביי די זייטען זעהט מען צווי שטייגען מיט
(אייזערנע גראַטעס, וואו עס געפינען זיך צווי אַפען — ביי דער טיר
(שטעהט א ניגער אין אוניפאָרם.

(פאַרהאנג אויף — דער זייגער שלאָגט צעהן).

ד ע ר נ י ג ע ר (בליקט ארום צי אלץ איז אין אָרדנונג, און
זינגט זיך א ניגעריש לידעל)

אָל רייט — אָל רייט —
איך וואָלט זי
זי וואָלט מיך —
זי וואָלט מיך
איך וואָלט זי.

(אַ קלונג ביים טיר. דער ניגער עפענט און ס׳קומט אריין
(אַן עלטערער גרויער מאַן, עלעגאַנט געקליידעט. — באלד
(דערויף עפענט זיך א טיר פון דעם כירורגישען קאַבינעט
(און פּראָפעסאָר בענעדיקט קומט אריין געקליידט אין
(ווייסען קאָסטיום מעשה אָפּעראַטאָר.

**פ ר אָ פ ע ס אָ ר ב ע נ ע ד י ק ט : גוט מאָרגען הער! מיט
ווּעמען האָב איך די עהרע ?**

**ד ע ר פ אַ צ י ע נ ט : גוט מאָרגען איך פּראָפעסאָר בענע־
דיקט! מיין נאָמען איז דזשאָן מעקאַרטי — איך בין דער פּרעזידענט
פון „טהע היי ווינדאָס בענעוואָלענט אסאָסיאיישאַן אָף טהע ביג מילי־
אָנערס״.**

**פ ר אָ פ ע ס אָ ר ב ע נ ע ד י ק ט : האָב איך די עהרע —
און וואָס איז אייער וואונש פריינד מעקארטי ?**

**ד ז ש א ן מ ע ק אַ ר ט י : איך גלויב פּראָפעסאָר בענעדיקט
— אז איהר דארפט שוין וויסען מיין וואונש — נעמליך איך וויל
אינגער ווערען מיט א דרייסיג־פערציג יאָהר.**

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ב ע נ ע ד י ק ט : נישט מעהר ווי רעכט — פריינד מעקארטי — עס וועט אייך נאָר קאָסטען נישט מעהר ווי פינף און צוואנציג טויזענד דאָלאר און איך וועל אייך מאכען אינגער מיט גאַנצע פופציג יאָהר.

ד ז ש אַ ן מ ע ק אַ ר ט י (מיט פרייד): וואונדערבאר, ליבער פראָפעסאר בענעדיקט — איך גיב אייך שוין א טשעק אויף צוואנציג טויזענד. (ער שרייבט איהם אויס א טשעק) אַך. — אינגער ווערען מיט פופציג יאָהר — מיט פופציג יאָהר. ביי גאָד דהי וואָירלד איז מיין קאָנטרי. (ער גיט איהם איבער דעם טשעק).

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ב ע נ ע ד י ק ט (גרייכט איהם די האַנט): איך דאַנק אייך פריינד מעקארטי — און זאָל אייך זיין מיט גליק.

ד ז ש א ן מ ע ק אַ ר ט י : פופציג יאָהר אינגער — נו־נו־נו — איי וועל איך דאָס אביסעל צו־לעבען — די שעהנע מארגאריטקעס — די שעהנע טענצערינס — די זינגערינס — פאַריז — מאָנטאָ־קאַרלאָ, בערלין, קאַיראָ, מאַדריד, סעווילא, ווענעציא, און שאמפאניער, די גאָר באַריהמטע ליקערען — אָ, פראָפעסאָר, צו דער ארבייט. (ער ציהט זיך דעם מאנטעל אויס).

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ב ע נ ע ד י ק ט : געדולד — פריינד מעקארטי — איך קען אייך לײדער נאָך נישט מאַכען די אָפעראציאָן שוין איצט, ווייל איך האָב נאָך נישט דעם נויטיגען דריז פאר אייך — איך האָב אָבער געסטערן ערהאלטען א טעלעגראַם פון אפריקע אז מען האָט מיר ארויסגעשיקט א גרויסען טראנספּאָרט מיט אַפּפען — זעלבסטפארשטענדליך — וועל איך האָבען דריזען גענוג און גענוג.

ד ז ש אַ ן מ ע ק אַ ר ט י : פראָפעסאָר — ביי גאָט זעהט מיר באַלד היינט צו מאַכען די אָפעראציע. איך האָב שוין מעהר קיין געדולד צו זיין אן אלטער מאַן — איך שווער אייך ביי מיינע יאָהרען.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ב ע נ ע ד י ק ט : גלויבט מיר דזשאן מע־קאַרטי — ביי דער ערשטער געלעגענהייט וועל איך אייך די אלטקייט אינגאנצען צונעמען ווי מען נעמט אראָפּ א הינער־אויג.

ד ז ש אַ ן מ ע ק אַ ר ט י : אָבער איהר זאָלט מיר געזונד זיין פראָפעסאָר בענעדיקט — איך וואָלט שוין געוואָלט אביסעלע

יונגע ליבע — א יונגע מיידעל — א יונגען קוש — א יונגען גלעט — א יונגען וואונק — נו־נו־נו — יאַ־יאַ־יאַ — איהר פארשטעהט דאָך שוין וואָס איך מיין...

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ב ע נ ע ד י ק ט: עס וועט אייך זיין וואויל ווי די וועלט, מעקאַרטי! געהט אהיים און ווי אמשנעלסטען רוף איך אייך צו די אָפּעראַציאָן. (ער נעמט ארויס א זילבערנע פלאַש פון די הויזען טאַש און גיסט אָן א גלעזעל): טרינקט מעקארטי, און זאָלען מיר זיין געזונד.

ד ז ש א ן מ ע ק א ר ט י (כאַפּט און טרינקט: א־ר—א־ר— א־ר (משמעות עס גיט א ברען אין די קעהל).

פ ר אָ פ ע ס אָ ר מ ע ק אָ ר ט י (טרינקט אויך): אויפ׳ס וואויל מעקארטי — אין קורצען אויף אייער יוגענד.

ד ז ש אָ ן מ ע ק אָ ר ט י: אָמען — ביי גאָד טהי וואָירלד איז מיין קאָנטרי. (עס הערט זיך א קלונג).

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ב ע נ ע ד י ק ט (גרייכט איהם די האַנט): אלזאָ אויפס׳ווידער זעהן מעקארטי — זייט גרייט ביי יעדען מאָמענט.

ד ז ש א ן מ ע ק אָ ר ט י (פאַרטגעהענדיג): געוויס פּראָפעסאָר — איך בין שוין גרייט—ביי יעדען מאָמענט, אבער ווי אמשנעלסטען — אָבער ווי אמשנעלסטען — גוד ביי — (מיט א זיפץ) גוד ביי. (פאָרט).

(עס קומט אריין פלאָרענס אייראָנברוק).

פ ל אָ ר ע נ ס א י י ר אָ נ ב ר ו ק: גוט מאָרגען פּראָפעסאָר בענעדיקט!

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ב ע נ ע ד י ק ט: גוט מאָרגען ליבע דאַמע! מיט וואָס קען איך אייך דינען?

פ ל אָ ר ע נ ס א י י ר אָ נ ב ר ו ק: טויזענד יאָהר זאָלט איהר מיר לעבען פּראָפעסאָר. איך קען אייך קודם כל זאָגען, אז איך בין די פרוי פון אן אייזענבאהן מאַגנאַט — געוועזען אמאָל די שעהנסטע פון שטאָדט — מיין מאַן האָט זיך פאַרליעבט אין מיר איבער די אויערען — אָבגעשריבען זיינע מיליאָנען אויף מיר. די בעסטע מענער

פון שטאָדט האָבען זיך געפיהלט גליקליך ווען איך האָב אויף זיי נאָר א בליק געגעבען — די צייטונגען האָבען וועגען מיר יעדע וואָך עטוואָס אַנדערש געשריבען — אַמאָל וואָס פאַר א קלייד איך האָב געטראָגען — וואָס פאַר אַ שיך — ווי אזוי איך בין פארקעמט געווען — מיט וועמען איך האָב געטאַנצט — און וואָס איך האָב געזאָגט — און וואָס איך האָב געגעסען צו פריהשטיק — און וואָס איך האָב געגעסען צו סאַפּער — און וואָס אזוי דאָס — און וואָס איז אהער — און וואָס איז אַהין — נו־נו — שטעלט זיך פאַר פּראָפעסאָר (מיט א זיפץ). אָבער לײדער האָט זיך דאָס אלעס ווי מיט א כישוף אָפּגעטאָן פון מיר — און עס דוכט זיך מיר אזוי ווי איך וואָלט גאָרנישט עקזיסטירט אויף דער וועלט — איך וועל אייך פארשרייבען א האַלבען פארמעגען, פּראָ־פעסאָר, און מאכט מיך צוריק אזוי יונג און שעהן ווי איך בין געווען — דאָס לעבען איז פאַר מיר היינט גאָר נישט ווערט. (וויינט עטוואָס און ווישט זיך די אויגען).

פּראָפעסאָר בענעדיקט: וויינט נישט פארעהרטע פרוי — זייט נישט פאַרצווייפעלט — איהר זאָלט אזוי נישט האָבען קיין זאָרג וועגען אייערע מיליאָנען ווי איהר דאַרפט נישט זאָרגען וועגען אייער אַלטקייט — איך וועל אייך צוריק מאכען אזוי יונג און שעהן, אַז די מענער וועלען צופלאַצט ווערען פאר אייך — ווי נאָר א שעהנ־הייטס קאָנטעסט — וועט איהר געווינען דעם פּרייז — מיט איין וואָרט — איהר וועט ווערען דער חלום פון טויזענטער די שעהנסטע יונגע לייט פון שטאָדט.

פלאָרענס אייראָנברוק: אַך—אַך — (ענטציקט) וואָס רעדט איהר ליבער פּראָפעסאָר ? איהר האָט מיר א ניי הארץ אריינ־געזעצט — איהר האָט מיר א נייעם גלויבען געגעבען — איך בין אויפגעלעבט — איך בין יעצט ווי ניי געבוירען — נעמט אייך א טשעק אויף הונדערט טויזענד דאָלאר און נעמט אייך צו די ארבייט.

(זי גיט איהם דעם טשעק און ער נעמט עס מיט א געמאַכטען שטאָלץ און צופרידענהייט).

פּראָפעסאָר בענעדיקט: וואָס זאָל איך אייך זאָגען — שעהן וועט איהר ווערען ווי אסתר המלכה, ווי קלעאָפּאטרא — ווי סעמיראַמיס — ווי ווענוס — ווי אפראָדיט זעלבסט — און איהר וועט קענען ענדערען אייער נאָמען אויף „אפראָדריזיס״. דאָס וועט

מיינען א מין מאָדערנע שעהנהייטס געטין — און קען איך אייך זאָגען אז איך אליין האָב אויך מורא אז איך זאָל מיך נישט פארליבען אין אייך...

פלאָרענס איירענברוק (מיט באגייסטערונג): טאָקע? טייערע פראָפעסאָר — צו דער ארבייט — איך האָב שוין קיין געדולד נישט.

(זי ווארפט אראָפּ דעם הוט און וויל זיך נעמען די קליידער אויסציהען.

פראָפעסאָר בענעדיקט: געדולד — פארעהרטע דאַמע! איך מוז צוגרייטען דעם נויטיגען דריז פאר אייך און דאָס מוז דויערען א באַשטימטע צייט — וואָס דענקט איהר אז איך וועל איינפלאנצען אייך א געוועהנליכען דריז — אייער דריז מוז זיין א קוריאָזיטעט — ווי א זעלטענער דיאמאנט.

פלאָרענס איירענברוק (נערוועז): פאר וואָס וואַרטען? איך האָב קיין געדולד נישט מעהר. יוגענד, יוגענד וויל איך — געוואלד יוגענד.

פראָפעסאָר בענעדיקט: וואויל איז אייך ווי די וועלט פארעהרטע דאמע! איך וועל מיך ווי אמשנעלסטען נעמען צו דער ארבייט.

פלאָרענס איירענברוק: ווי לאַנג קען עס אזוי דויערען ביז איהר וועט ערהאלטען דעם נויטיגען דריז? טייערער פראָפעסאר!

פראָפעסאָר בענעדיקט: א צוויי־דריי וואָכען.

פלאָרענס איירענברוק: אבער נישט לענגער, פראָפעסאר בענעדיקט, איך וועל קראנק ווערען פאר אונגעדולד — די אלטקייט דריקט מיך ווי א בארג בליי. מאכט עס ווי אמשנעלסטען. (גייט פאָרט האַלב טראַגיש) גוד ביי (מיט א זיפץ) גוד ביי. —

פראָפעסאָר בענעדיקט (איהר נאָכבליקענדיג באַדויערענסווערטיג אימיטירענדיג): גוד ביי — גוד ביי — זי וועט שוין לענגער וואַרטען.

האַ־האַ־האַ — (לאַכט טײַפּליש) : זי וויל יונג ווערען, שפּילען די אַלטע ראָלע — אַך די מענשען — ווי קינדער.

(גראַף פּאַרדאַן קומט האסטיג אריין צולויפען).

ג ר אַ ף פּ אַ ר ד אַ ן (נערוועז) : איך האָב מיך נאָר וואָס דערוואוסט פון א געוויסע קוועלע, פּראָפעסאָר, אז צוויי דעטעקטיווס זענען געשיקט געווארען צו אייך אויספאָרשען אייער פּראַקטיק און זיי דארפען באַלד דאָ זיין.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ב ע נ ע ד י ק ט (באַרוישט, כאַפּט זיך ביים קאָפּ און פאַרטראַכט זיך אַביסעל) : גרימירט זיך שוין גראַף אַלס אַן אַלטער מאַן — שנעל — און זעצט זיך אוועק אלס פּאַציענט. (רופט) אמאליא — אמאליא — קום אריין געשווינד.

(אַמאַליא קומט אריין געקליידט ווי א געהילף).

אַ מ אַ ל י אַ : וואָס רופסט דו מיך בענעדיקט ?

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ב ע נ ע ד י ק ט : גרימיר דיך שוין אלס אַן אַלטע פרוי און זעץ דיך אלס פּאציענטין — צוויי דעטעקטיווס קומען באלד אהער.

אַמאַליא און גראַף פּאַרדאַן לויפען שנעל אריין).

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ב ע נ ע ד י ק ט (צום ניגער) : לויף דו אויך אריין און גרימיר זיך אלס אַן אלטער מאַן און קום אריין און זעץ דיך אלס פּאציענט — נאָר שנעל.

ד ע ר נ י ג ע ר : האַ־האַ־האַ (לאַכט) פּראָפעסאָר — אויסגע־צייכענט — אויסגעצייכענט — איך וועל זיך גרימבירען — גרימבירען — אַז דער פּראָפעסאָר וועט מיך זעלבסט נישט דערקענען אלבעטשע. (שנעל פּאָרט).

(א קלונג אין דער טיר — פּראָפעסאר בענעדיקט עפענט

(און ס׳קומט אריין בענדזשאמין אויגענצאפּעל.

ב ע נ ד ז ש אַ מ י ן א ו י ג ע נ צ א פּ ע ל — גוט מאָרגען אייך פּראָפעסאָר לעב! איך האָב די עהרע מיך פאר אייך פאָרצושטע־לען. מיין נאָמען איז בענדזשאמין אויגענצאפּעל — און איך בין נעמ־ליך דער פּרעזידענט פון צוועלף טויזענד מעמבערס — אסאָסיאיישאַן אָף טהי אָלד גלאָרי — און מיר אלע צוועלף טויזענד מעמבערס האָבען באַשלאָסען יונג צו ווערען.

פּראָפּעסאָר בענעדיקט (עטוואָס נערוועאיש מיט קאָנצענטראַציאָן): האָ — דער מאָדערנער געדאַנק גרייכט איבעראַל — עס פרעהט מיך צו הערען. (רייבט זיך די הענט).

בענדזשאַמין אויגענצאַפּעל: אָבער פּראָ־פעסאָר לעב! מאָרגען מוז איך געבען א רעפּאָרט אין אונזער פאראיין — גיט מיר אָן ערקלערונג — ווי אזוי? און וואָס — און ווען? און וואו? אין וועלכער צייט? און אזוי ווייטער — און אזוי ווייטער —

פּראָפּעסאָר בענעדיקט: איך וועל אייך אלעמען יונג מאָכען — אָבער יונג מאכען ביז גאָר — גאָר. איך מוז שוין זעהן צו באָזאָרגען צוועלף טויזענד דריזען און מיך נעמען צו דער ארבייט.

בענדזשאַמין אויגענצאַפּעל: און וויפיעל וועט איהר אונז רעכענען אזוי אלע צוזאמען?

פּראָפּעסאָר בענעדיקט: זעהר עקאָנאָמיש — פינף טויזענד דאָלאר פער פערזאָן.

בענדזשאַמין אויגענצאַפּעל: וואונדערבאר — וואונדערבאר — פּראָפּעסאָר לעב! טויזענד יאָהר זאָלט איהר מיר לעבען. מאָרגען ברענג איך דאָס פאָר פאר דער פאָרזאַמלונג וועלכע ווערט ספּעציעל פאר דעם צוועק באָרופען — און די מעמבערס וועלען זיין באַרוישט פון פרייד — (גרייט זיך אָפּצוגעהן), א גוטען טאָג פּראָ־פעסאָר לעב — א גוטען טאָג — (אָפּגעהענדיג).

פּראָפּעסאָר בענעדיקט: א גוטען טאָג.

(רייבט זיך ביים שטערען אָנגעשטרענגט. (אמאליא און (גראַף פּאַרדאָן קומען אריין גרימירט, אמאליא אלס אלטע (שפּאַנישע פרוי און גראַף פּאַרדאָן אלס אלטער רוסישער (גענעראל. באלד קומט אָן דער ניגער גרימירט אלס אן (אלטער איד.

פּראָפּעסאָר בענעדיקט: וואונדערבאר — זעצט זיך אויס און ווארטס נאָך מיין רוף. זעצען זיך אויס).

(א קלונג אין טיר. פּראָפּעסאר בענעדיקט עפענט און עס (קומט אריין דער רעפּאָרטער.

דער רעפּאָרטער: גוט מאָרגען פּראָפּעסאר בענעדיקט! איך האָב מיך די עהרע פאר אייך פאָרצושטעלען. איך בין א רעפּאָר־

טער פון דער טעגליכער צייטונג: „דער לויפענדער זיגזאַג״ פון ווע־מען איך בין געשיקט געווארען צו האָבען אן אינטערוויאַ־אַ־אַ מיט אייך.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ב ע נ ע ד י ק ט: זעהר ליבענסווירדיג פאַרעהרטער מאַן — נעמט פלאַץ —

(דער רעפאָרטער זעצט זיך און מאכט זיך גרייט מיט
(שרייב געצייג. א קלונג אין טיר. פראָפעסאָר בענעדיקט
(עפענט און ס׳קומט אריין א צווייטער רעפאָרטער.

צ ו ו י י ט ע ר ר ע פ אָ ר ט ע ר: גוט מאָרגען אייך פראָ־פעסאָר בענעדיקט! איך האָב די עהרע מיך פאַר אייך פאָרצושטעלען. איך בין דער רעפאָרטער פון דער טעגליכער צייטונג „דער אבענד קנאַקער״, פון וועמען איך בין געשיקט געווארען צו האָבען אן אינ־טערוויאַ־אַ־אַ מיט אייך.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ב ע נ ע ד י ק ט: זעהר ליבענסווירדיג — פאַרעהרטער מאַן — נעמט פלאַץ.

(דער רעפאָרטער זעצט זיך באַגריסענדיג זיך מיט דעם
(אנדערען רעפאָרטער קאָליעגיאַל — צוגרייטענדיג זיך
(שרייב געצייג. א קלונג אין טיר. פראָפעסאר בענעדיקט
(עפענט און ס׳קומען אריין די צוויי דעטעקטיווס עטוואַס
(גרימירט אלס עלטערע לייט. קומען אריין פאַרשענד
(— פינקלען מיט די אויגען אין אלע זייטען.

ד י ד ע ט ע ק ט י ו ו ס: גוטמאָרגען פראָפעסאר בענעדיקט!

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ב ע נ ע ד י ק ט: גוט מאָרגען. (נערוועז) מיט וועמען האָב איך די עהרע?

ד ע ט ע ק ט י ו ו ס (שמייכלען עטוואָס): מיר ווילען אייערע פאַציענטען ווערען.

פ ר אָ פ ע ס אָ ר ב ע נ ע ד י ק ט (גיט א הוסט): נעמט פלאַץ.

(די דעטעקטיווס זעצען זיך און בליקען זיך ארום אין אלע
(זייטען. — פראָפעסאר בענעדיקט געהט אריין אין זיין
(כירורגישען קאַבינעט.

א י י ן ד ע ט ע ק ט י ו ו (צום גרימירטען ניגער): **איז דאָס דער ערשטער וויזיט וואָס איהר האָט היינט?**

נ י ג ע ר: יאָ מיסטער —

ד ע ר ד ע ט ע ק ט י ו ו: און וואָס איז אייער פּראָפעסיע?

נ י ג ע ר: איך בין א גבאי אין דער שוהל קרן קימת.

ד ע ר ד ע ט ע ק ט י ו ו (צו דער אלטער פרוי): **מיט וויפיעל אינגער דענקט איהר צו ווערען, פארעהרטע פרוי?**

ד י אַ ל ט ע פ ר ו י: מיט א פופציג יאָהר וויניגסטענס.

ד ע ר ד ע ט ע ק ט י ו ו: קענט איהר מיר זאָגען אייער נאָמען, פארעהרטע פרוי?

ד י אַ ל ט ע פ ר ו י: געוויס — מיין נאָמען איז קארמענסיטאָ באָספאָרינאָ — געבוירען אין שפּאניען, שוין זעכציג יאָהר אין נויאָרק.

ד ע ר ד ע ט ע ק ט י ו ו (צום גראף פּאַרדאָן): **און מיט וויפיעל דענקט איהר אינגער צו ווערען?**

ג ר אַ ף פּ אַ ר ד אָ ן: אָ־אָ — מיט א דרייסיג־פערציג יאָהר.

ד ע ט ע ק ט י ו ו: קען איך האָבען די עהרע צו וויסען אייער נאָמען?

ג ר אַ ף פּ אַ ר ד אָ ן: געוויס — מיין נאָמען איז גענעראל ניקיטין. בין פון רוסלאנד — איך דענק יעצט צו פאָהרען נאָך סאָוויעט ראָסיע.

(עס הערט זיך א סיגנאַל קלאַנג. איינס־צוויי־דריי. דער
(דאָקטאָר עפענט די טיר פון כירורגישען קאַבינעט און
(רופט אריין דעם אלטען גרימירטען ניגער. עס ווערט
(פינסטער. נאָר דאָס קאַבינעט איז שטארק באלויכטען און
(עטוואָס דורכזיכטיג. און עס זעהען זיך פארשידענע באַ־
(וועגונגען פון אונבאשטימטען כאַראַקטער דורך דעם ליי־
(ווענט — דער נעגער מאַכט שמערץ גרימאַסען. נאָך פינף
(מינוט צייט פאַנגט די מוזיק אָן צו שפּילען א חסידישען

(טאַנץ און עס ווערט ליכטיג ארום. און דער אלטער
(ניגער איד קומט ארויס אלס יונגערמאן און לאָזט זיך
(אוועק דעם חסידישען טאַנץ אַזש עס דונערט אונטער
(זיינע פיס.

(די רעפּאָרטערס פארשרייבען נאָטיצען, און די דעטעק־
(טיווס זענען בארישט. ווידער א קלונג איינס־צוויי־דריי.
(דער דאָקטאָר עפענט די טיר פון זיין כירורגישען קאבי־
(נעט און רופט אריין דעם גראַף פּאַרדאָן. עס ווערט ווי־
(דער פינסטער ארום — אָבער דער קאַבינעט באלויכטען
דורכזיכטיג. ווידער הערען זיך קליינע שמערץ גרימאסען
(— אין א דריי מינוט פאַנגט די מוזיק אָן צו שפּילען א
(רוסישע קאַמאַרינסקא, און דער פריהערדיגער אלטער
(קומט ארויס אלס יונגער און לאָזט זיך אוועק דעם רוסי־
(שען טאַנץ אזש עס דונערט אונטער זיינע פיס. די רע־
(פּאָרטערס פארשרייבען ווידער און די דעטעקטיווס בארוי־
(שען זיך.

(ווידער א סיגנאל קלאנג. איינס־צוויי־דריי. דער פּראָפע־
(סאָר עפענט די טיר פון כירורגישען קאַבינעט און רופט
(אריין די אלטע פרוי. עס ווערט ווידער פינסטער ארום
(אָבער דער קאַבינעט באלויכטען. איינוגע שמערץ גרימא־
(סען מיט א דריי מינוט שפּעטער פאנגט די מוזיק אָן צו
(שפּילען די שפּאַנישע מעלאָדיע און עס ווערט ליכטיג
(אַרום. און די פריהערדיגע אַלטע קומט ארויס אלס
(שעהנע יונגע סינאָריטא מיט קאַסטאַנעטען און פאנגט
(שעלמיש אָן צו ווינקען און צו וואַרפען אויגען און זינגט
(דאָס ליעד און טאַנצט.

אַ מ אַ ל י אַ

אָ פון גראנאדא ביז סעווילִיא
און פון וואלענציא ביז קאדיז.
דאָרט זאָלען אויך די מענשען וויסען
אַך וואָס פאר א קראַפט עס האָט א דריז...

אָ פון טאָלעדאָ ביז מאַלאַגאַ
פון בארצעלאָניא און אויך מאדריד

אזוי קען איך אייך אלע זאָגען
אַ מענשען! אַז א דריז איז גאָר גוט...

געבוירען בין איך אין קאָרדאָווא
איך קארמענסיטאַ באַספּאָרינאַ
כ'בין אלט געוואָרען יאָהרען אַכציג
און יעצט א יונגע סינאָרינאַ.

. . . .
. . . .

(טאַנצט באגייסטערט)
(פּראָפּעסאָר בענעדיקט קומט צוריק אריין אָנגעשטרענגט,
(זיגעריש מיט שטאָלץ. די רעפּאָרטערס לויפען צו איהם
(צו מיט באגייסטערונג. גרייכען איהם די הענט.

די רעפּאָרטערס: וואונדער איבער וואונדער — פּראָ־פעסאָר! איהר האָט אונז גליקליך געמאכט — מיר זענען ערשטוינט—

די דעטעקטיווס (גרייכען איהם די הענט): טויזענט יאָהר זאָלט איהר לעבען פּראָפעסאָר בענעדיקט — איהר זייט א וואונ־דער פון יעצטיגען יאָהר־הונדערט — הורא — הוראָ — עס לעבט אונזער פּראָפּעסאָר.

די רעפּאָרטערס: הורא — הוראָ — האָך אונזער פּראָפּעסאר בענעדיקט — צוועלף מאָהל האָך!

פּראָפּעסאָר בענעדיקט (ארויסנעמענדיג זיין זיל־בער פלאַש און מכבד יעדען מיט א גלעזעל): טרינקט מיינע ליבע פריינד.

איין רעפּאָרטער (האַלטענדיג זיין שרייב געצייג): ווען זייט איהר געבוירען פּראָפּעסאר בענעדיקט?

פּראָפּעסאָר בענעדיקט: אין יאָהר אַכט הונדערט און זיבעציג.

דער רעפּאָרטער: ב—ק אָדער נ—ק?

פּראָפּעסאָר בענעדיקט: וואָס מיינט דאָס?

דער רעפּאָרטער: בעפאַר קריסטוס, אָדער נאָך קריסטוס צייט־רעכענונג?

פּראָפעסאָר בענעדיקט: ב—ק —

דער רעפּאָרטער: לעבט איהר שוין הייסט עס צוויי טויזענד זיבען הונדערט אַכט און נײַנציג יאָהר?

פּראָפעסאָר בענעדיקט: אזוי ווי איהר הערט — איך פלאַנץ מיר יעדע פופציג יאָהר א נייעם דריז איין — דאָס איז די קראַפט — איך ווער יעדע פופציג יאָהר צוריק יונג.

די רעפּאָרטערס (פאַרשרייבענדיג): וואונדערבאר — וואונדערבאר —

די דעטעקטיווס: א געטליכער מענש — א געטליכער מענש...

(טרינקען אלע צוזאמען—עס קומען אריין א גרופּע זינגער
(און טענצער — משמעות זיינע פּאַציענטען געוועזענע פון
(מושב זקנים און פאנגען אָן צו טאַנצען און זינגען אונטער
(די פיהרערשאַפט פון אַמאַליא צויבערגלעקעל.

אַמאַליא צויבערגלעקעל (אליין)
דער מענש באַקומט דאָך פליגעל גלייך —
און ווערט אַן עראָפּלאַן.
און דאָס האָט נאָר א דריז אין אייך
געמאַכט א יונגען מאַן.

אַלע
(טאַנצענדיג — דער פּראָפעסאָר, די רעפּאָרטערס, די דע־
(טעקטיווס טאַנצען מיט מאַריאָנעטיש שטעהענדיג אויף
(איין אָרט.

אַלע צוזאַמען
דער מענש באַקומט דאָך פליגעל גלייך
און ווערט אַן עראָפּלאַן.
און דאָס האָט נאָר א דריז אין אייך
געמאַכט א יונגען מאַן...

אַ מ אַ ל י אַ (אליין)

די פרוי האָט אויך דעם דריזען גליק
באַקומט די יוגענד באַלד —
און גיב איהר נאָר א וואונקען בליק
זי לויפט שוין צו צום וואַלד...

אַ ל ע

די פרוי האָט אויך דעם דריזען גליק —
באקומט די יוגענד באַלד.
און גיב איהר נאָר א וואונקען בליק
זי לויפט שוין צו צום וואַלד...

אַ מ אַ ל י אַ

דער מאַן איז נישט קיין עלעפאַנט —
און לויפט מיט שנעלע טריט.
און כאַפּט זי פעסט אריין אין האַנד
און מאַכט זיך מיט איהר קוויט...

אַ ל ע

דער מאַן איז נישט קיין עלעפאַנט —
און לויפט מיט שנעלע טריט.
און כאַפּט זי פעסט אריין אין האַנד
און מאַכט זיך מיט איהר קוויט...

אַ מ אַ ל י אַ

דער רבי זעהט פאַרשעהמט זיך צו —
און מאַכט אַן אַך און איי,
זיי דאַרפען מיך שוין מעהר נישט דאָ —
דעם דין באַגרייפען זיי...

אַ ל ע

דער רבי זעהט פאַרשעהמט זיך צו —
און מאַכט אַן אַך און איי,
זיי דאַרפען מיך שוין מעהר נישט דאָ
דעם דין באגרייפען זיי...

(אלגעמיינער טאַנץ)

(פאָרהאַנג)

(ענד פון ערשטען אַקט)

צווייטער אַקט

(אין הויפּט זאַל פון דעם מיליאָנען פּאַלאַץ פון פּראָפעסאָר בענעדיקט
(וועלכער האָט היינט אַראַנזשירט א הוליאַנקע און פאַרוויילונג און
(איינגעלאַדען פריינד און פּאַציענטען צו שטאַרקען זייער גלויבען אין
(איהם — און דערביי אויך צייגען אז ער האָט שוין ערהאַלטען א
(טראַנספּאָרט אַפען.)

(פּאָרהאַנג אויף)

ד ע ר נ י ג ע ר (לויפענדיג עפענען) : אלרייט — אָלרייט —
(עס קומען אריין דזשאן מעקארטי מיט בענדזשאמין אוי-
(גענצאפּעל, וועלכע רויכערען גרויסע ציגאַרען און זעצען
(זיך זעהר ברייט.

ד ז ש אַ ן מ ע ק אַ ר ט י : נו, זעהסט דו בענדזשאמין, עס האָט זיך נאָך נישט אָנגעפאנגען און דו האָסט דיך געאיילט, האָסט געמיינט אז דו וועסט פאַרשפּעטיגען.

ב ע נ ד ז ש אַ מ י ן א ו י ג ע נ צ א פּ ע ל : כ'האָב זיך נישט געאיילט — אָבער קיין געדולד האָב איך נישט — קיין געדולד — איך וואָלט שוין געוואָלט זעהן א רעזולטאַט — עס איז שוין זיבען חדשים ווי ער נאַרט אונז אזוי כסדר — מיר האָבען איהם שוין איינ-געצאָהלט א האַלבען מיליאָן דאָלאר, דער פאראייך איז זעהר אויפגע-רעגט — און ס'קומען פאַר קריגערייען יעדען טאָג, און איך ווייס שוין איבערהויפּט נישט וואָס זיי צו ערקלערען.

ד ז ש אַ ן מ ע ק אַ ר ט י : ער האָט ביי מיר אליין שוין אויך גענומען א האַלבען מיליאָן דאלאר און איך זעה נישט קיין רעזולטאַט.

(ס'קומט אריין פלאָרענס איירנברוק מיט איר מאן
(באַלד פאָלגט נאָך איינינגע לייט פון מושב זקנים,
(יהודה ביינים, גימפּעל משה, דוואָשע, ציפּע לאה
(יום טוב'דיג געקליידט און נעמען פּלאַץ.

י ה ו ד ה ב י י נ י ש: דער בעל שמחה בכבודו ובעצמו הפראָפעסאָר בענעדיקט איז נאָך גאָר נישט דאָ.

ג י מ פ ע ל מ ש ה: און וואָס האָט ער זיך צו איילען? ער וועט שוין קומען אין דער ריכטיגער צייט.

י ה ו ד ה ב י י נ י ש: איך וואָלט שוין געוואָלט זעהן די דריזען — איך בין זעהר נייגעריג, איך האָב שוין פילע חלומות געהאַט אַט וועגען די דריזען.

ג י מ פ ע ל מ ש ה: מיין גלויבען איז אָפגעשוואַכט, יהודה ביינישׁ! פון דאַמאָלסט אָן ווען ער האָט מיר אָפגעראַזירט מיין באָרד אויף שלאָף געטראַנק, איז מיין גאַנצער גלויבען פאַרשוואונדען.

י ה ו ד ה ב י י נ י ש: מיין גלויבען איז אויך נישט שטאַרק — ער האָט מיין באָרד אויך אָפגעראַזירט אויף שלאָף געטראַנק — גע־וואָלד — זאָג איך, פּראָפעסאָר לעב! דאַרף איך באַצאָהלען פינף טויזענד דאָלאר פאַר אָפּראַזירען מיין באָרד? דאָס וואָלט דאָך מיר א באַרבער געמאַכט פאַר צוואַנציג סענט, און נישט אויף קיין שלאָף געטראַנק.

ג י מ פ ע ל מ ש ה: און וואָס האָט ער געזאָגט?

י ה ו ד ה ב י י נ י ש: אז די הויפּט זאַך וועט זיין שפּעטער, דאָס הייסט מיט דעם דריז.

ד ו ו אָ ש ע: מיר האָט ער אויך איינגעגעבען שלאָף געטראַנק — מיך אָפגעשוירען, ארויפגעקלעפּט אַ פּאַרוק — א בלאָנדע שייטעל און אָפּגעפּודערט מיט שמינקע און מיך אויפגעוועקט. נו, מיס דוואָשע זעה דיך אין שפּיגעל — איך האָב מיך טאַקע נישט דערקענט — אָבער מיט א טאָג שפּעטער האָב איך דערפיהלט אז עפּעס קלעפּט מיר אויפ׳ן קאָפּ — איך בין גלייך געלאָפען צוריק צום פּראָפעסאָר — געוואַלד — זאָג איך, פּראָפעסאָר לעב! וואָס האָט איהר מיר געטאָן? כ׳האָב אייך שוין אַכט טויזענד דאָלאר איינגעצאָהלט, און איך בין נאָך גאָר נישט אינגער געוואָרען — איך פיהל בלויז אז עפּעס קלעפּט מיר אויפ׳ן קאָפּ — זאָגט ער מיר אז דאָס איז בלויז ביוטי קאַלטשור — און די הויפּט זאַך וועט זיין שפּעטער, און האָט מיר דערווייל געגעבען א פלעשעל אַ דע קאָלאָן זיך צו וואַשען דאָס געזיכט צוויי מאָל טעג־

ליך — אָבער וואָס עס קלעפּט מיר אזוי שטאַרק דער פּאַרוק אויפ׳ן קאָפּ ווייס איך נישט — מיין שכנה זאָגט מיר אז דאָס איז געקלעפּט מיט קאָנקריט און צעמענט פּילייכט...?

(ס׳קומען אריין נאָך איניגע לייט און נעמען פּלאַץ).

בענדזשאַמין אויגענצאַפּעל (מיט א צייטונג אין האַנד): פאַרעהרטע פריינד! איך האָב נאָר וואָס דאָ געפונען די צייטונג „דער לויפענדער זיג־זאַג״, וואָס איז ערשינען מיט זעקס מאָ־נאַטען צוריק און שרייבט וועגען די וואונדער פון אונזער פּראָפעסאָר. (לעזט) עס געהט אריין א מענש אלס אַכציג יעהריגער תרח (טעראַך) און קומט ארויס אלס יונגער צוואַנציג יעהריגער אבראהאם. — אַן אַלטע באָבע פון פינף און אכציג יאָהר ווערט פאַרוואַנדעלט אין א זיבעצעהן יעהריגע פלעפּערקע. — א גאַנצער מושב זקנים ווערט אין צוויי טעג פאַרוואַנדעלט אין רעגעלע שול אינגלאך און מיידלאך — — פּראָפעסאָר בענעדיקט איז אַלט צוויי טויזענד זיבען הונדערט אַכט און ניינציג יאָהר. ער פלאַנצט זיך יעדע פופציג יאָהר א נייעם דריז איין

(ס׳קומט פּלוצלינג אריין גראַף פּאַרדאָן אין א צילינדער
(הוט וואָס דער ניגער נעמט גלייך צו.

גראַף פּאַרדאָן: גוט יום טוב מיינע ליבע מענשען! יאָ, מיר האָבען היינט א גרויסען יום טוב — פרעהט אייך — זייט לעבעדיג — פאַר אייערע אויגען וועלען היינט ערשיינען די דריזען — פּאַרדאָן וויל איך זאָגען די אַפּען, וועלכע וועלען זיין גענוג ליבענס־ווירדיג אייך צו געבען די דריזען און אייך אינגער צו מאכען — עס האָט אונז פיעל מיה און שווערע ארבייט און אויפּאָפּפערונג געקאָסט זיי צו פאַנגען אין די ווילדע געגענדען פון וויטען אפריקא — אבער קיין זאַך האָט אונז נישט געקענט צוברעכען אונזער מעכטיגען אידעאַ־ליזם — מיר זיינען העלדען, קעמפער — פאַר דאָס גליק פון דער מענשהייט — איהר וועט באַלד געהאָלפען ווערען, די יוגענד איז אייך נאָהנט, די גאָלדענע יוגענד, זאָל איך אזוי לעבען — דאָס גליק איז אייך נאָהנט... און יעצט ליבע גליקליכע מענשען, ווען דער פּראָפע־סאָר בענעדיקט וועט אריינקומען גיט איהם א גרויסע אָוואַציע, אָפּלאָ־דירט איהם, עהרט איהם. ער אָפּפערט זיך זיין גאַנצען לעבען פאַר דער וויסענשאַפט ווי אזוי גליקליך צו מאַכען דאָס מענשען געשלעכט — און איהר מענשען האָט איהם פיעל צו פאַרדאַנקען.

דער ניגער (קומט אריין האסטיג): **דער פּראָפעסאָר געהט — דער פּראָפעסאָר איז דאָ.**

(אַלע שטעלען זיך אויף מיט רעספּעקט. פּראָפעסאָר בענע־
(דיקטין קומט אריין מיט שטאָלץ מאַגנאַטיש געקליידט,
(צילינדער־הוט. אויף די הענד שימערירען אונגעוועהנליך
(גרויסע בריליאנטען, אלע אפּלאָדירען באַגייסטערט.

פּראָפעסאָר בענעדיקט: זייט געגריסט מיינע ליבע מענשען!

דזשאָן מעקארטי: מיר זענען שטאָלץ מיט אונזער גרויסען פּראָפעסאָר.

בענדזשאמין אויגענצאַפּעל: עס לעבע דער פּראָפעסאָר בענעדיקט—הורא—הורא!

אַלע: הורא—הורא — האָך אונזער פּראָפעסאָר בענעדיקט.

(פּראָפעסאָר בענעדיקט פארנויגט זיך אייניגע מאָל און
(באדאנקט די געזעלשאפט. זעצט זיך אויף א גרויסען לעהן
(שטוהל אין צענטער מעשה הערשער, און פאַנגט אָן רויי־
(כערען א סיגאר און באַפעהלט צו באַגינען די פעסטליכ־
(קייט, און צו סערווירען די גוטע געטרענקען און צו לאָזען
(זיך וואויל געהן.
(באַדינער קומען אריין און טיילען אויס בעכער וויין מיט
(פאַרשידענע פרוכטען און קוכען, אַפּעטיטליכע זאַכען און
(פאַרשידענע ליקערען און שארפע געטראַנקען.

גראָף פּאַרדאָן: מיר ווינשען דעם פּראָפעסאָר גרויס ערפאָלג אין אלע זיינע אונטערנעמונגען.

יהודה בייניש: הלואי, ריבונו של עולם — אמן.

גימפּעל משה: דער וויין שיינט מיר צו זיין דער באַ־ריהמטער כרמל וויין פון ארץ ישראל.

(די באדינער קארגען נישט, לויפען ארום און פילען אָן
(די בעכער כסדר.

גראַף פּאַרדאָן: טרינקט — לאָזט אייך וואויל געהן — ס'איז א גרויסע שמחה היינט.
(זינגט שיכור'לאך)

נאָך אביסעל, נאָך אביסעל,
דעם גוטען, גוטען, גוטען וויין.
אויך שאַמפּאַניער, נאָך שאַמפּאַניער
און זאָלען מיר שוין פריילין זיין.
(טאַנצט שיכור'לאך)

ס'איז דאָס לעבען — ס'איז דאָס לעבען,
וואָס באַגעהרט נאָר לויטער פרייד
זייט שוין מענשען, זייט שוין מענשען
אָלרייט — אָלרייט — אָלרייט — אָלרייט —
(מאַכענדיג סיגנאַל צייכענס מיט די הענד אין פארשידענע זייטען.

(עס עפענען זיך די טירען פון איניגע זייטען און ס'קומען אריין טענצער און טענצערינס אין אלט־גריכישע קליידונג און טאַנצען דעם באַלעט באַטיטעלט „אדם און חוה". עס ווערט אריינגעבראכט א בוים מיט עפּעל און געשטעלט אין צענטער מיט גרויסע בוכשטאַבען אויפגעצייכענט: „עץ הדעת" און „די עפּעל פון ניער דריזים". עס ווערט ארומגעטאַנצט ארום דעם בוים. ווען דער באַלעט ענדיגט ציהען זיך אלע טענצער צוריק און עס בלייבען איבער אָדם און חוה וועלכע זינגען דאָס ליעד.

חוה (אמאליא צויבערגלעקעל)
ווי גוט עס איז צו זיין א מיליאָנער —
און אוועקצופאָהרען אזש נאָך שאַנכיי,
אז קיינער זאָל בישט וויסען ווער איז ווער —
לעבען — הוליען — ביז אלעס איז פארביי.

אָדם
יאָ — ווייל די יאָהרען לויפען שנעל אוועק,
און קיין אייביגקייט — און קיין גן עדן —

וועט אונזער וואַנדערשאַפט דערגרייכען א ברעג
און דאָרט פיליכט געפינען גליק מיט פריידען...

ח ו ה

ס'איז פיעל געליבטער אָדם! שוין מיין טרוים,
מיט לוסט — פריינדשאפט — און פיעל באַגעהרען —
און צייט איך האָב פאַרזוכט פון וויסענס בוים
קען איך רוהיג מעהר נישט דענקען — קלערען —

אָ ד ם

אָ פיעל געליבטע! ס'איז אויך גרויס מיין לייד
און ס'איז דאָך די וועלט נאָך פול מיט בוימער,
וועסט ווען פאַרזוכען אן עפּעל אין צייט —
וועסט דיך פיהלען זיגרייך ווי די רוימער...

ח ו ה

א מיין ליבסטער אדם! דו גיבסט מיר טרייסט —
איך ווער באַוועלטיגט פון נייע קרעפטען
ווייל מעכטיג ווירקט אויף מיר דיין גרויסער גייסט
וועט אויך זיך זעעלע מיט גייסט באַהעפטען...

אָ ד ם

און יעצט אָ געליבטע! גיב מיר דיין האַנד
קום מיט מיר אין וייטע וועלטען נייע,
איבער ים און געבירג און ווייטעס לאַנד —
פון דענקער מענשען — און מענשען פרייע.
(נעמען זיך ביי די הענד און געהען לאנגזאם פאָרט)

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ב ע נ ע ד י ק ט (ווי פון שלאָף ערוואַכט):
טרינקט מיינע ליבע פריינד — עס איז א גרויסע שמחה היינט —
טרינקט נאָר וויפיעל איהר קענט.
(די באַדינער לויפען ארום און מאַכען פול די בעכער און
(קאַרגען נישט און דער עולם טרינקט באַגייסטערט.

ג ר אַ ף פּ אַ ר ד אָ ן (שיכור'לאך)
נאָך אביסעל — נאָך אָביסעל —
דעם גוטען — גוטען — גוטען וויין.

אויך שאַמפּאַניער, נאָך שאַמפּאַניער —
און זאָלען מיר שוין פריילּיך זיין.
(טאַנצט)

ס'איז דאָס לעבען — ס'איז דאָס לעבען —
וואָס באַגעהרט נאָר לויטער פרייד
זייט שוין מענשען, זייט שוין מענשען,
אין יעדע צייט — אין יעדע צייט —

פּראָפעסאָר בענעדיקט (אויפשטעלענדיג זיך): פאַרעהרטע פריינד! איהר האָט דאָ נאָר וואָס געזעהן דעם באַלעט „אָדם און חוה". יאָ, עס האָט זיך חוה'ן פאַרגלוסט צו פאַרזוכען פון עץ הדעת... ביז עס האָט זיך איהר נישט פאַרגלוסט האָבען זיי געלעבט ווי אין א גן עדן — איז אָבער געקומען די שלאַנג מיט די סענטימענטאַלע צערטליכע שפּראַך און באַווירקט די אָרימע חוה צו פאַרזוכען דעם עפּעל פון עץ הדעת — דאַמאָלסט האָבען זיי שויןביידע נישט געלעקט קיין האָניג, נישט אָדם, און נישט חוה. קיין רוה — קיין פרידען — אויס גן עדן. יאָ, איך האָב דאָ נאָר וואָס גערעדט וועגען האָניג. — — איך מוז אייך דערצעהלען אז די פרויען אין די גאָר אַלטע צייטען האָבען נישט געטראָגען קיין פּאַקעט־בוקס מיט פּודער און רוזש, נאָר האָבען געטראָגען טעפּלאַך מיט האָניג — דאָס הייסט אַז יעדע פרייליין האָט געטראָגען א טעפּעל מיט האָניג, און ווען עס איז פאַרבייגעגאַנגען א יונגערמאַן וואָס איז איהר געפעלען, האָט זי זיך נישט געפּודערט און נישט געמאַכט די ליפּען רויט ווי די היינטיגע מיידלאַך, נאָר האָט איינפאַך גענומען לעקען האָניג — דער יונגערמאַן צוזעהענדיג ווי דאָס מיידעל לעקט אזוי דעם האָניג, האָט אָנגעהויבען צו שמייכלען — און ווי ווייט איז פון א שמייכעל ביז אַ געלעכטער, האָט ער זיך טאַקע צולאַכט אויך — האַ־האַ־האַ־האַ — דאָס מיידעל טראַץ דעם וואָס זי איז געווען פאַרטאָן אין לעקען דעם האָניג, האָט זיך דאָך גענומען אביסעלע צייט און אויך ארויס מיט א געלעכטער — האַ־האַ־האַ־האַ — נון, שטעלט זיך פאָר זיי האָבען שוין ביידע געלעקט האָניג... איי האָניג, האָניג — ווי די מענשען פון די אלטע צייט האָבען דאָס געוואוסט ווי צו שעצען דעם האָניג. ווען די אידען זענען פאַרבלאָנדזשעט געוואָרען אין דעם מדבר, האָבען זיי דאָך געהאַט זעהר פיעל צו ליידען — א קליינינקייט — מדבר — אָהן בליהונג — אָהן גרינס

— אָהן פרוכט — אָהן גאָרטען — אָהן וואַלד — קיין וואַסער — איי־איי — האָבען זיי דאָס געליטען דאַמאָלסט אונזערע אחינו בני ישראל — נו האָבען די אידען געהאט דאַמאָלסט דעם גרויסען פיהרער און נביא משה, וועלכער האָט געפונען מן, וואָס איז געווען אזוי זיס ווי האָניג — נון, שטעלט זיך פאָר ווען די אידען האָבען געלעקט האָניג האָבען זיי פאַרגעסען פון דעם מדבר — אזוי אז עס איז שוין אפילו משה רבנו זעלבסט נישט געלונגען זיי ארויסצופיהרען קיין ארץ ישראל — אין דעם לאַנד פון זבת חלב ודבש.

(אַלע קלאַטשען בראַוואָ מיט באַגייסטערונג)

ג ר אַ ף פ אָ ר ד אָ ן: עס לעבע אונזער פּראָפעסאָר בענעדיקט — הוראַ־הוראַ־הוראַ — וויוואַט — וויוואַט — (טרינקט).

אַ ל ע — הוראַ — הוראַ — האָך אונזער פּראָפעסאָר בענעדיקט.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ב ע נ ע ד י ק ט (זיך פאַרנויגענדיג אייניגע מאָל): און יעצט פאַרעהרטע פריינד! האָב איך די עהרע פאָר אייך פאָרצושטעלען די אַפּען פון ווייטען אפריקא — וועמען עס איז מיר געלונגען מיט שווערע מיה און אויפאָפּפערונג צו אימפּאָרטירען פאַר אייך — אייך אינגער צו מאַכען (רופט) מוזיק — מוזיק — מוזיק — יוגענד מוזיק —

(די מוזיק פאַנגט אָן צו שפּילען און ס'טאַנצט אריין א
(גרופּע גרימירט אלס אַפּען, זינגען און טאַנצען.

מיר קומען אַזש פון אפריקא,
פון אפריקא צו פאָהרען,
מיר וועלען אייך אינגער מאַכען
נעמען אייך די יאָהרען.

זייט שוין גליקליך ליבע מענשען —
נעמט אייך צו דעם דריזיס,
און גיבט אונז דאָך פּראָספּעריטי —
אָבער נישט קיין קריזיס.

(זיי לויפען ארויף אויף דעם בוים און רייסען אָפּ עפּעל
(און טיילען אויס טאַנצענדיג.

נעמט אייך יעדער צו אַן עפּעל —
פון דעם בוים ניער דריזיס,
זאָלט איהר מעהר נישט זיין די שקלאַפּען
ליידען אַלטקייט קריזיס.

(די ארומיגע לייט פאַנגען אָן צו עסען די עפּעל און פיהלען
(זיך גלייך אינגער. דעם מאַגנאַטס ווייב פלאָרענס אייראַנ־
(בריק פארבינדט די צוויי עקען פון די פראַקען פון בענ־
(דזשאמין אויגענצאפעל מיט דזשאן מעקארטיס, וועלכע
(פאַנגען אָן צו טאַנצען דעם פלאָר־קלאַפּער טאַנץ. —
(יהודה ביניש זעצט זיך אויף אַ הילצערנעם פערד און
(רייט. גימפּעל משה זעצט זיך אריין אין א קליינעם אַטאָ־
(מאָביל און טרומייטערט. דוואָשע און ציפּע לאה שפּילען
(זיך ווער עס וועט זיך שנעלער פּאַטשען אין האַנד. פלאָ־
(רענס אייראַנבריק פּודערט זיך און ווארפט בליקען צום
(גראַף פאַרדאָן.
(אַנדערע שפּילען אַנדערע יונגע קונצען.
(דער פּראָפּעסאָר קוועלט און האָט נחת, לויפט ארום און
(טאַנצט מיט אלעמען צוזאַמען.

ד י אַ פּ ע ן (טאַנצען)

יוגענד ווייסט דאָך נישט פון זאָרגען
נאָר פון גליק מיט פריידען.
זאָלט איהר אלע מענשען וויסען
פון א יונג גן עדן...

א גענוס איז דאָך דאָס לעבען —
ליבע א באַגליקונג.
ס׳איז טאַקע א פאַרגעניגען —
און אויך א דערקוויקונג.

(עס קומען אריין צו טאַנצען צוויי פּאָליציי לייט מיט די
(צוויי דעטעקטיווס און טאַנצען מאַרשירענדיג צום טאַקט
(מיט די זעלביגע מעלאָדיע און זינגען צו.

די פּאָליצײַ און דעטעקטיװס
קענט איהר זאָגען ליבע מענשען!
װי ס׳איז זילבערפלאָקען?
ער רױבט די בירגער איבעראַל,
און שװינדעלט אונערשראָקען. —

יאָ — מיר זוכען איהם שױן יאָהרען —
דעם בוטלעגער באַנדיט,
ער רופט זיך אויך מיט דעם נאָמען —
פּראָפעסאָר בענעדיקט.

(אַלע בלײַבען באַרױשט און ערשטױנט)

די דעטעקטיװס (צײגען אױפ׳ן פּראָפעסאָר)
אָט איז דאָך דער זילבערפלאָקען —
דער שװינדלער און באַנדיט,
שליסט איהם גלײך די הענד אין קײטען
מיר מאכען מיט איהם קװיט.

(די פּאָליצײ לױפט צו און שליסט איהם די הענד)

פּראָפעסאָר בענעדיקט
אָ געװאַלד — איך בין פאַרלױרען —
אונגליק איז מײן לעבען,
רחמנות אויף מײנע יאָהרען —
כ׳װעל אײך טױזענד געבען.

די פּאָליצײ (שלעפּענדיג איהם)
קום דו גרויסער שװינדלער אײנער
מיר װעלען דיר צײגען,
װאָס הײסט צו זײן א מיליאָנער —
פּרעסען לױטער פײגען.

(אַלע באַװעגען זיך מאַריאָנעטיש צום טאַקט פון די מוזיק און געזאַנג.

(די פּאָליצײ שלעפּט איהם.

(פאָרהאַנג פאַלט)

(פאַרוואַנדלונג — אין געריכט הויז — דער ריכטער זיצט ביי׳ם גרינעם טיש מיט די דזשורי לייט. — און רעכט און לינקס צו פראָנט זיצען די אָנקלעגער, די פּאַציענטען בענדזשאמין אויגענצאַפּעל, דזשאָן מע־קאַרטי, פלאָרענס אייראַנברוק, יהודה ביירניש, גימפּעל משה, ציפּע לאה, דוואַשע, געסט, פּאָליציי, אַמאַליא צויבערגלעקעל אלס ווייב פון פּראָ־פעסאָר בענעדיקט. — פּראָפעסאָר בענעדיקט זיצט אין קרימינאַל קליידונג אין א גוט געזעהענעם פּונקט, אין רעכטס און לינקס פּאָליציי. צום פּראָנט־צו שטעהען די צוויי אדוואָקאַטען. דער אַדוואָקאַט גריי־ווענפּאָרט (דער גרימירטער גראף פּאַרדאָן) אלס פאַרטיידיגער פון פּראָפעסאָר בענעדיקט, דער אַנדערער אַדוואָקאט אייזענשטיין פון די אָנקלעגערס זייט.

(פאָרהאַנג אויף)

ד ע ר ר י כ ט ע ר (זיך אויפשטעלענדיג): **דער געפאַנגענער מיט דעם נאָמען זילבערפלאָקען ווערט באַשולדיגט אין פילע זינדיגע טעטיגקייטען געגען שטאַט — רעגירונג און געזעלשאַפטליכע מאָראַל — צום ערשט אַלס בוטלעגער וואָס האָט געהאט אויסגעשפּרייט זיינע ווירקונגען איבער אייניגע שטעדט, — אויפגעהאַלטען אייניגע ברייז־לאך, וואו ער האָט פּאַבריצירט די פאַרשידענע געטראנקען וועלכע זענען א געפאַר פאר דעם געזונד און וואויל זיין פון מענש און געזעל־שאַפט און אויך די צוקונפטיגע דורות אין אלגעמיין.**

צווייטענס איז ער געוועזען דער פיהרער פון אן אינטערנאַציאָ־נאַלער שמוגלער באנדע וואָס האָבען אריבערגעשמוגעלט בריליאַנטען און פילע אנדערע ארטיקלען וואָס זענען נישט ערלויבט.

דריטענס — האָט ער זיך ערקלערט אלס פּראָפעסאָר בענעדיקט — וועלכער מאכט פון אלט יונג, און אויסגענאַרט — און אויסגע־שווינדעלט שווערע טויזענדער פון די לייכט גלויביגע בירגער, וועלכע זענען צום באַדויערען געוואָרען די אָפּפער פון אַזאַ ראַפינירטען שווינדלערישען שאַרלאַטאַן — ווען עס איז נאָך שווערע מיה גע־לונגען צו אַרעסטירען און פעסט צו האַלטען פאר דעם דין וחשבון.

אלזא, וואָס האָט דער פאַרטיידיגער צו זאָגען ?

אַ ד ו ו אָ ק אַ ט ג ר י י ו ו ע נ פּ אָ ר ט : פאַרעהרטער ריכטער ! און פאַרעהרטע געזעלשאַפט ! די מדרגה פון דער יעצטיגער

צייט מאכט מעגליך אז געוויסע מענשען זאָלען זיך פארנעמען אויף קרומע וועגען. — ווען די אומשטענדען וואָלטען געוועזען די אייגענט־ליכע וואָס זענען גילטיג פאר מענש און געזעלשאפט — וואָלטען אזעלכע פאַלען נישט פּאַסירט. — דער אָרימער מענש זילבערפּלאַקען איז אליין אויך פארפיהרט געווארען פון אנדערע — און די אַנדערע וואָס האָבען איהם פארפיהרט — זענען אליין אויך פארפיהרטע פון אַן אַנדערע באַנדע, אַזוי האָט זיך אַנטוויקעלט אַ גאַנצע קייט מיט רעזאָ־לוציעס — פּאַרדאָן וויל איך זאָגען רעזולטאַטען. — נאָך אייניגע פּסיכישע פאָרשונגען איז מיר געלונגען זיך צו דערוויסען, אז דער אָרימער זילבערפּלאַקען איז נישט מעהר ווי א מאַניאַק — ער האָט זיך איינגעבילדעט אז ער וועט פון אַלטע מענשען מאַכען יונגע מענשען — דאָס מיינט אז מיר האָבען פאַר זיך אַן אַבנאָרמאַלען און קראַנקען פּראָפעסאָר — פּאַרדאָן וויל איך זאָגען פּאַציענט.

אַ ד וו אָ ק אַ ט א י י ז ע נ ש ט י י ן: מיט זיכערע איבער־צייגונג איז דער געוויסענלאָזער פּערזאָן זילבערפּלאַקען פּאַקטיש א געפעהרליכער שווינדלער פון ערשטען גראַד. אויף דעם וועט דער געוויסער טייל פון די באשווינדעלטע וואָס זענען דאָ פאַרזאַמעלט פאַר׳ן היינטיגען טאָג דעם אמת ארויסברענגען. — מיר מוזען איבער־הויפּט זעהן צו רייניגען די וועלט און די געזעלשאפט פון אלץ וואָס איז שלעכט און פאַרדאָרבען. — זאָלען די פארפיהרטע רעדען פאר זיך זעלבסט, וועלען מיר גלייך האָבען די רעאַלע פאַקטען, און איך נעם מיר דאָס רעכט אויף צו רופען דעם בירגער בענדזשאַמין אויגענ־צאַפּעל.

ב ע נ ד ז ש אַ מ י ן א ו י ג ע נ צ אַ פּ ע ל: איך בין דער פּרעזידענט פון די „סאָסייעטי אָף די אָלד גלאָרי״, — צוועלף טויזענד מעמבערס — אלטע לייט דורכאויס. אין א שעהנעם העלען טאָג איז צו אונז געקומען א געוויסער מאַן מיט׳ן נאָמען גראַף פּאַרדאָן — דער אַגענט פון פּראָפעסאָר בענעדיקט, און האָט אונז באַקאַנט גע־מאַכט און אויפגעקלערט אז מיר קענען אלע ווערען צוריק יונגע מענ־שען — שטעלט זיך פאָר די פרייד — איך האָב שוין מעהר קיין רוה נישט געהאט — צום ערשטען האָבען מיר נאַטירליך באַדאַרפט שטי־מען דערפאַר — מיט אַן אויסנאַם פון אייניגע לייט האָבען כמעט אלע געשטימט צו גונסטען די יוגענד. — דאָס הייסט אז מיר זאָלען צוריק יונג ווערען — דאָ האָב איך מיך גלייך אריינגעוואָרפען אין אקטיווע

אַרבייט. איך האָב, פאַרשטעהט זיך, געמוזט אָנשטעלען א הונדערט יונגע לייט און מיידלאך צו ענטפערען די טעלעפאָן קאָלס פון די נייגעריגע מעמבערס, וועלכע האָבען זיך געהאַלטען כסדר אין איין נאָכפרעגען: וואָס? און ווען? און ווי אזוי? און אזוי ווייטער. איך בין געלאָפען יעדען טאָג צום פּראָפעסאָר — און שלינגען געלט, שלינגט ער ווי א פארצייטיגער ריצאנאָרוס — פופציג טויזענד — פינף און זיבעציג טויזענד — הונדערט טויזענד — מאָרגען דאַרף ער אוועקשיקען אן עקספעדיציע מיט אן עקסטרא שיף אויף כאפען באַדריזעלטע — דאָס הייסט די אַפען. מיט אַ וואָך שפּעטער מוז ער אַוועקשיקען זיבען עראָפּלאָנען אַזש אין ווייטען אפריקא, פון דאָרטען וועט ער אלזאָ קענען באקומען די בעסטע דריזען — דריזען — יעדער דריז א בריליאנט — קיין אימיטאַציע — עכטער אָריגינאַל. נו, וואָס האָב איך נאָך ווייטער צו רעדען, פאַרעהרטער ריכטער! ער האָט מיר אויסגעליידיגט די גאנצע קאַסע פון פאראיין — און געמאכט פילע מעמבערס פאַר אָרימע לייט.

ר י כ ט ע ר: האָט ער עטוואָס געטאָן ביי מאַנכע פון אייער פאראיין זיי אינגער צו מאַכען?

ב ע נ ד ז ש אַ מ י ן א ו י ג ע נ צ אַ פּ ע ל: גאָר נישט — די מעמבערס זענען פאר געוויסענביסע דאָפעלט עלטער געוואָרען. זיי פיהלען זיך יעצט ווי פארוואונדעטע מלחמה וועטעראנען: איז איינער נאָך עטוואָס געגאַנגען — געהט ער שוין יעצט אויף קוליעס. איז איינער געגאנגען אויף קוליעס — מוז ער שוין יעצט פאָהרען אין אַ וועגעלע. איז איינער געווען אביסעל גרוי — איז ער יעצט דריי מאָל דאָפעלט גרוי געוואָרען.

ר י כ ט ע ר (רופט): די בירגערין פלאָרענס איירָאָנברוק.

פ ל אָ ר ע נ ס א י י ר אָ נ ב ר ו ק: פאַרעהרטער ריכטער! וואָס איך וואָלט אייך אלעס דערצעהלען וואָלט דויערען פילע שטונדען. איך וועל מיר דאַרום האַלטען קורץ ווי מעגליך — לעזענדיג די צייטונג „דער לויפענדער זיג זאָג“, האָב איך באמערקט אן אַנאָנס: אלטע מענשען ווערען יונג, — פּראָפעסאָר בענעדיקט.

און יונג ווערען האָט זיך מיר זעהר געוואָלט. ווען איך דערמאָן מיך אין מיינע יוגענד יאָהרען, שיינט מיר אז איך בין אין א גן עדן.

און אַלט זיין איז איבערהויפּט נישט אַזוי גוט. נו, בין איך באַלד צום מאָרגענס געלאָפֿען צו אַט אַ דעם, און האָב איהם באַלד געגעבען א טשעק אויף הונדערט טויזענד דאָלאר האנד געלט. — נו, פון דאַ־מאָלסט אָן האָט זיך גלייך אָנגעפאנגען דער מורא׳דיגער אפּעטיט צו שטאַרקען אָט ביי דעם פּראָפעסאָר. א הונדערט טויזענד איז ביי איהם געווען א ברעקפעסט — א דריי הונדערט טויזענד א מיטאָג מאָהלצייט, און א סאַפּער איז ביי איהם געווען א האַלבער מיליאָן. — עס וועט אלעס ווערט זיין, האָט ער מיר פּארזיכערט. עס איז איהם נאָך שווערע מיה געלונגען צו באַקומען א מין דריז „פּערפעקט ראַדיאַ־ליט ד׳עקס רעי״, וואָס ווען ער וועט מיר דאָס פּאַרפּלאַנצען ווער איך מאָמענטאַל יונג — און מיין ליבע וועט דאמאָלסט זיין הונדערט קאַראַט סאַלאַד — און ווען איך וועל געליבט ווערען וועט עס דאַדורך מוזען זיין מיט צוויי הונדערט און זעכצעהן קאַראַט סאַלאַד. און אויך וועט אויף מיין געזיכט אימער ארויסשיינען א געוויסער שטראַהל — נו־נו — ער האָט פון מיר אויסגענארט א מיליאָן מיט דריי הונדערט טויזענד.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ב ע נ ע ד י ק ט : זיי ווילען מיך אונגליקליך מאַכען — אונגליקליך מאַכען — אַ גאָט!

אַ מ אַ ל י א צ ו י ב ע ר ג ל ע ק ע ל : געוואַלד — ראַטעוועט מיר מיין מאַן.

ר י כ ט ע ר : שטיל זאָל זיין. — איך וויל אייך נאָך פרעגען, פרוי אייראַברוק! האָט ער עטוואָס געטאָן אייך אינגער צו מאַכען?

פ ל אָ ר ע נ ס א י י ר אָ נ ב ר ו ק : גאָר נישט — ער האָט מיר נאָר אַמאָל געוואָלט איינגעבען שלאָף געטראַנק — אָבער נישט ביים לעבען וועט מיר אַ מאַן קענען געבען שלאָף געטראַנק.

אַ ד ו ו אָ ק אַ ט ג ר י י ו ו ע נ פּ אָ ר ט : אָט האָט דער ריכטער זעלבסט געהערט אַז פרוי אייראַנברוק האָט זיך נישט געלאָזט איינגעבען קיין שלאָף געטראַנק — און זיכער האָט שוין פּראָפעסאָר בענעדיקט שוין גאָר נישט געקענט טאָן דאמאָלסט.

אַ ד ו ו אָ ק אַ ט א י י ז ע נ ש ט י י ן (שטרענג) : האַלט זיך ביים פונקט — יעצט רעדען די אָנקלעגער זעלבסט און איך נעם מיר דאָס רעכט אויף צו רופען דעם בירגער דזשאָן מעקארטי.

ד ז ש אַ ן מ ע ק אַ ר ט י: פאַרעהרטער ריכטער! אזוי ווי איהר קענט מיך און ווייסט אז איך בין דער פרעזידענט אָף דהי היי ווינדאָס בענעוואָלענט אסאָסיאיישאָן אָף דהי ביג מיליאָנערס — פאַר־שטעהט זיך — זעהר א פאַראַנטוואָרטליכער אַמט — און דאָ זעה איך אַז איך ווער עלטער פון טאָג צו טאָג, און דער טעמפעראַמענט ענדערט זיך, און דאָס טויג נישט פאר א פּרעזידענט וועלכער דאַרף געוויס האָבען אויך יוגענדליכעס אין זיך, איז קיין וואונדער ווארום איך בין באַלד געלאָפען צו אָט אַ דעם פּראָפעסאָר אזוי ווי מיינער אַן אלטער פריינד האָט מיר ערצעהלט וועגען אָט די נייע ערפינדונג פון אַלט צו מאַכען יונג — נו בין איך אבער אריינגעפאלען צו איינעם פון די גרעסטע ספעציאַליסטען שווינדלער — האָט ער אָנגעהויבען נעמען די טויזענדער ביי מיר און מיר ערצעהלט אז ער האָט ארויסגעשיקט אַן עקספּעדיציע נאָך אריסטאָקראַטישע דריזען עי — וואָן, דאָס מיינט דריזען ערשטען גראַד קוואַליטעט. — נו, פריינד ריכטער! אזוי ווי איהר האָט נישט געזעהן די דריזען, אזוי האָב איך זיי אויך נישט געזעהן מיט איבער א מיליאָן דאָלאַר צוזאמען.

אַ ד ו ו אָ ק אַ ט ג ר י י ו ו ע נ פּ אָ ר ט: מיט דער עקספּע־דיציע האָט ליידער פּאַסירט אַן אונגליק — זי האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט צו די ווייטע אייז רעגיאָנען פון נאָרד פּאָל און געוואָרען אַן אָפּפער פון אַ קאַטאַסטראָפאַלער טראַגעדיע.

אַ ד ו ו אָ ק אַ ט א י י ז ע נ ש ט י י ן: פריינד ריכטער! דער אַדוואָקאַט גרייוועןפּאָרט שיינט מיר פאַרדעכטיגט — און איך מאַך אַ פאָרשלאַג אז ער זאָל צייגען זיינע אַטעסטאַטען צו קענען פראַקטי־צירען אַדוואָקאַטור.

ר י כ ט ע ר: צו דעם געדאַנק בין איך אויך געקומען.

אַ ד ו ו אָ ק אַ ט ג ר י י ו ו ע נ פּ אָ ר ט (נעמט ארויס א פּאַפּיר פון טאַש): אָט האָב איך מיין אַטעסטאַט מיט זיך.

(האַלט עס אין האַנד צייגענדיג. — א פּאָליציי מאַן נעמט
(עס ארויס פון זיין האַנד און גיט עס איבער צום ריכטער.

ר י כ ט ע ר (אריינבליקענדיג): דאָס איז דאָך גאָר שאָפער לייסענס.

גריויוענפּאָרט (זוכענדיג אין זיינע טאַשען): פּאַרדאָן — פּאַרעהרטער ריכטער! איך האָב געמאַכט אַן אירטהום — אָנ־שטאָט מיט צו נעמען מיין אַטעסטאַט, האָב איך גאָר מיטגענומען די מערידזש לייסענס — פּאַרדאָן וויל איך זאָגען די שאָפער לייסענס.

ריכטער (שטרענג): וואו האָט איהר שטודירט?

גריויוענפּאָרט: אין דזשאמייקא בעי — פּאַרדאָן וויל איך זאָגען — אַז איך וואוין דאָרט, אָבער שטודירט האָב איך אין קאַלקוטאַ — (אינדיען) — און אויך אין נאָרוועגיען.

ריכטער (שטרענג): אין קאַלקוטאַ האָט איהר שטודירט ווי אַזוי צו ווערען א פייקער, אין נאָרוועגיען האָט איהר שטודירט די וועגען ווי אזוי צו נאַרען.

(בענדזשאמין אויגענצאַפּעל לויפט צו צו גריויוענפּאָרט
(און רייסט איהם אַרונטער זיין צוגעקלעפּט בערדעל.

בענדזשאמין אויגענצאַפּעל (אויפגערעגט): ער איז אַ שווינדלער — אַ באַנדיט, וועלכער רופט זיך גראַף פּאַרדאָן — ער איז פון דער זעלבער קאָמפּאַניע.

ריכטער: נעמט איהם פעסט.
(אַלע ווערען ערשטוינט און בארוישט. צוויי פּאָליציאַנטען
(נעמען איהם פעסט און פיהרען איהם ארויס.

אַדוואָקאַט אייזענשטיין: אַ ווירקליכער פאַקט — וואָס מאַכט זיכער זיינע באַהויפּטונגען.

ריכטער: יעצט קענען מיר שנעלער געהן מיט די ווייטער־דיגע ארבייט, און איך רוף אויף בירגער גימפּעל משה.

גימפּעל משה: ריכטער לעב! איך האָב קיין סך נישט צו רעדען — מ׳האָט מיך באַשווינדעלט — מיר אויסגענאַרט מיין פאַר־מעגען, די גאַנצע פינף טויזענד דאָלאר וואָס איך האָב אָנגעשפּאָרט אין פילע יאָהרען — אוי וויי איז מיר. ער האָט מיר איינגעגעבען שלאָף געטראַנק, און אָפּראַזירט מיין באָרד, און אָפּפּודרירט ווי איך וואָלט געווען א יונגער שנעק — דאָ האָב איך שוין גלייך געזעהן אז די קלאָג איז פאַרטיג — אוי וויי איז מיר — איך וועל מיר א מעשה אָפּטאָן.

ר י כ ט ע ר: די בירגערין ציפּע לאה.

צ י פּ ע ל א ה: ריכטער לעב! מ'האָט מיך אונגליקליך געמאכט. מ'האָט ביי מיר אויסגעשווינדעלט די גאנצע זיבען טויזענד דאָלאר וואָס איך האָב פּאַרמאָגט — און טאַקע אָט דער שווינדלער, דער גנב, און מיט וואָס פאַר א טריק? צוברעכען זאָל ער ס'געניק — רבונו של עולם. — ער האָט מיר געגעבען א טעפּעל מיט ערד אלס סגולה אויף די ערשטע דריי חדשים זאָל איך יעדען אויף דער נאַכט בעפאָר דעם שלאָפען געהן אראָפּוואַרפען אביסעלע ערד און זאָגען דריי מאָהל: כ'האָב דיך אין דר'ערד, כ'האָב דיך אין דר'ערד, כ'האָב דיך אין דר'ערד, כ'האָב דיך אין דר'ערד, און נאָך דעם וועט ער מיר איינפלאַנצען עטוואָס — כ'האָב שוין פאַרגעסען ווי ס'הייסט — פון וואָס איך וועל אינגער ווערען.

אַ מ אַ ל י אַ צ ו י ב ע ר ג ל ע ק ע ל (מיט א געשריי): געוואַלד — ס'איז מיר נישט גוט. (חלש'ט).

ב ע נ ד ז ש אַ מ י ן א ו י ג ע נ צ אַ פּ ע ל: וואַסער — וואַסער — וואַסער. (כאַפּט א גלאָז וואַסער און מונטערט זי אויף).

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ב ע נ ע ד י ק ט: האָב איך מיך באַדאַרפט אָפּפערען צוליעב דער וויסענשאַפט — און יעצט מאכט מען מיך אונגליקליך דערפאַר — שלעכטע וועלט.

אַ ד ו ו אָ ק אַ ט א י י ז ע נ ש ט י י ן: גלויב מיר, דו באַנדיט איינער, האָסט דיך שוין בעסער באַדאַרפט אָפּפערען פאַר דער וויסענשאַפט אין די אנדערע וועלט.

ר י כ ט ע ר: רוהיג — מיר מוזען קומען צו א רעזולטאַט, און איך וועל אלזאָ אויפרופען יעצט דעם בירגער יהודה בייניש.

י ה ו ד ה ב י י נ י ש: ריכטער לעב! ס'איז מיר שווער צו רעדען — ס'דריקט מיך ביי'ם האַרץ פאַר עגמת נפש — מיר האַלטען זיך פאַר גאנצע חכמים — און וואָס פאַר א פנים? אז מיר זיינען געוואָרען ביי שווינדלער די נאַראָנים — ער האָט ביי מיר אויסגענאַרט פינף טויזענד מיט צוויי הונדערט און זעקס און דרייסיג דאָלאַר און ער האָט מיר דערפאַר איינגעגעבען שלאָף געטראַנק און אָפּראָזירט די באָרד.

ר י כ ט ע ר: אונגליקליכע מענשען — כ׳האָב מיטלייד מיט אייך — יאָ, מיר מוזען זיך אביסעל צואיילען — און איך רוף יעצט אויף דעם לעצטען פּערזאָן מיט וועמען איך וועל שליסען די אויס־פאָרשונגען וועלכע געהען שוין אָן דריי וואָכען צייט — פאָלגליך די בירגערין דוואָשע.

ד ו ו אָ ש ע: זאָל ער מיר צוריק געבען דאָס געלד — דער באַנדיט, דער שווינדלער. ער האָט מיר אָנגעקלעפּט א פאַרוק אויפ׳ן קאָפּ מיט קאָנקריט און צעמענט אז איך קען גאָר נישט פּטור ווערען דערפון.

ר י כ ט ע ר: דזשורי לייט — באַראָטונג.

(דער ריכטער מיט די דזשורי לייט געהען אריין אין א זייטיגען צימער זיך דורכצורעדען.)

אַ מ אַ ל י א צ ו י ב ע ר ג ל ע ק ל: מענשען וואָס איהר זייט — פאַר וואָס זאָלט איהר נישט באפרייען מיין מאַן? פאר וואָס זאָלט איהר מיך אונגליקליך מאכען?

פ ל אָ ר ע נ ס א י י ר אָ נ ב ר ו ק: מיר האָבען צו אייך גאָר נישט — אָבער אייער מאַן מוז באַשטראָפט ווערען, ווייל ער האָט אונז אלעמען אונגליקליך געמאכט.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ב ע נ ע ד י ק ט: איך האָב אייך אונ־גליקליך געמאכט? — ווייל עס האָט זיך מיר נישט איינגעגעבען אייך אזוי שנעל יונג צו מאַכען?

ב ע נ ד ז ש אַ מ י ן א ו י ג ע נ צ אַ פּ ע ל (סאַרקאַסטיש): ער וואָלט נאָך אייך געקענט יונג מאכען — פרוי אייראָנברוק! אָבער זעהט איהר; אמאָל געהט עס ניט אזוי שנעל, — ווען ער וואָלט נישט ארעסטירט געוואָרען, וואָלטען מיר פּילייכט שוין אַלע געוועזען יונגע מענשען — (אויפגערעגט). שווינדלער — באַנדיט איינער — ביזט דאָך שוין געוועזען גרייט מיט דיין ווייב צו אַנטלויפען קיין שאַנכאַי, — אונטער אַן אנדערן נאָמען מיט די אויסגעשווינדעלטע מיליאָנען — און דאָרטען האָסט דו דיך געוואָלט לאָזען וואויל געהן, הוליען א גוטען טאָג, קויפען אַן אייגענעם פּאַלאַץ און שפּילען די ראָלע פון א פּאָרצייטיגען גראַף.

דזשאַן מעקאַרטי: יעצט וועט ער שוין קענען פאַה־רען נאָך שאַנכאַי — אויף אונזער רעכענונג — מיר וועלען איהם שיקען, האַ־האַ־האַ־האַ — (לאַכט ביטער).

(ריכטער און דזשורי לייט קומען צוריק אריין און נעמען צוריק פּלאַץ. אלע בלייבען שטיל מיט ערוואַרטונג.

ריכטער: בעפאָר איך וועל ארויסגעבען מיין אורטייל — רוף איך דיך בענעדיקט — אָדער ווי דו הייסט זילבערפלאַקען — פאַר דיין לעצטע זעלבסט פארטיידיגונג.

פּראָפעסאָר בענעדיקט: פאַרעהרטער ריכטער! און פאַרעהרטע געזעלשאפט! עס איז קיין צווייפעל אז עס מיר די לעצטע צייט געגאַנגען זעהר שלעכט אין מיינע וויסענשאַפטלאַכע אויפ־טואונגען, — איין טראַגעדיע נאָך דער צווייטער — האָב איך ארויס־געשיקט אן עקספּעדיציע וואָס האָט מיך אָפּגעקאָסט שווערע טויזענ־דער, האָט ליידער פּאַסירט א מורא׳דיגע קאַטאַסטראָפע — ווען נישט דער טראַגישער צופאַל, וואָלט איך ערהאַלטען דעם טראַנספּאָרט דריי־זען — און אָט די אלע אַלטע מענשען ווען מען איהר זעהט דאָ, וואָל־טען שוין געווען צוריק יונגע מענשען — מיט נייע ליבע — נייעם גלויבען, נייע האָפנונגען, און אזוי ווייטער. — די צווייטע עקספּע־דיציע וואָס איך האָב ארויסגעשיקט — די פיר און צוואַנציג עראָפּלאַ־נען — האָבען אויך כמעט אלע טראַגיש געענדיגט, מיט דער אויס־נאַמע פון אייניגע וועלכע זענען פאַרשוואונדען מיט דעם געלד וואָס איך האָב זיי מיטגעגעבען.

אין מאַנכע פאלען האָב איך שוין זאָגאר גרויסע ערפאָלגען געהאט אויף דעם געביט פון וויסענשאַפט — ערפינדונגען און סאָציאלע דערגרייכונגען, ווי צום ביישפּיל אין יאָהר ניינצעהן צוועלף האָב איך אנטדעקט מיקראָבען אין האָדסאָן ריווער — אין יאָהר ניינצעהן און דריי בין איך געלאָפען פאר סענאַטאָר אויפ׳ן רעפּובליקאַנישען טיקעט.

אַדוואָקאַט אייזענשטיין: מען האָט דיך וואַרשיינליך געיאָגט נאָך א רויבעריי. —

פּראָפעסאָר בענעדיקט (ווי פון שלאָף): מען האָט קיינעם נישט געכאַפּט — אָ, איך מיין — איך וויל זאָגען, אז איך בין צופעליג נישט עלעקטעד געוואָרען.

ר י כ ט ע ר (גיט א צייכען מיט׳ן האַנד. אַלע שטעלען זיך אויף): גענוג. — אין נאָמען פון גערעכטיגקייט און שטאַטליכע אָרגאַניזאַציאָן ווערסט דו זילבערפלאַקען פאַראורטיילט צו צוועלף יאָהר מיט אַכט חדשים סינג סינג.

אַ מ אַ ל י אַ צ ו י ב ע ר ג ל ע ק ע ל (מיט געשריי): געוואַלד — ס׳איז מיר נישט גוט.

(צוויי פּאָליציי־לייט נעמען איהם פעסט און שלעפּען איהם.
(רויש און געטומעל.

(פ אָ ר ה אַ נ ג)

(פארביי דעם פאָרהאנג ווערט דער ארעסטאנט זילבערפלאַקען געשלעפּט וועלכער האלט זיך צוריק און געהט נישט גערן.

ז י ל ב ע ר פ ל אַ ק ע ן: לאָזט מיך פריי. — איך וועל אייך צעהן טויזענד געבען, האָט רחמנות — לאָזט מיך פריי — לאָזט מיך פריי — האָט רחמנות. —

(שנעלע פאַרוואנדלונג. צוריק אין קאַבאַרעט. די סטודענטען און די (גאַנצע געזעלשאַפט פיהלען זיך שוין גוט באַטרונקען און פריילאך— (לעבעדיגער געשטימט. טראַגען אלע קאָלירטע פּאַפּירענע מיצען, און (וואַרפען זיך ארום מיט פּאַפּירענע סטענגעס און קאָנפעטי. — דער (גראַף פּאַרדאָן מיט אַמאַליא צויבערגלעקעל שטעהען ביי זילבערפלאַ־(קען און וועקען איהם.

(פ אָ ר ה אַ נ ג א ו י ף)

ג ר אַ ף פּ אַ ר ד אָ ן (וועקענדיג איהם): לאַקשענדיגער פלאַקען, פלאַקענדיגער לאָקש — שטעה אויף — ביזט גענוג געשלאָפען.

אַ מ אַ ל י אַ צ ו י ב ע ר ג ל ע ק ע ל (וועקענדיג איהם שיכור׳לאך): בערען טרייבער — האָניג פלאַסטער — מען באַפאלט דיין ברייזעל דוקמאָפּ פון אייזעל.

ז י ל ב ע ר פ ל אַ ק ע ן (אין שלאָף): לאָזט מיך פריי, האָט רחמנות — איך וועל אייך צעהן טויזענד געבען. (ער ערוואַכט). געוואַלד, ס׳איז מיר נישט גוט.

אַ מ אַ ל י אַ צ ו י ב ע ר ג ל ע ק ע ל (כאַפּט א גלאָז שאַמ־פּאַניער און מונטערט אים אויף: **טרינקט — טרינקט. —**

ז י ל ב ע ר פ ל אָ ק ע ן (טרינקענדיג): **אָ—אָ—געהאט א שרעק־ליכען חלום — געהאט א שרעקליכען חלום. —**

אַ מ אַ ל י אַ צ ו י ב ע ר ג ל ע ק ע ל (מיט דער גאנצער קאָמפּאַני)

לוסטיגקייט און פרעהליכקייט
ליבע גוטע פריינד,
אוועק איז שוין דער נעכטען
ס׳פאַנגט זיך אָן דער היינט.

מיט לויטערע געדאַנקען
לעבעדיגען בליק
זאָלט איהר זיך דערנעהענטערען
צו דערגרייכען גליק.

(טאַנצען)

איך וויל — איך וויל — כ׳וויל זיכער
יאָ — יאָ — יאָ — יאָ — יאָ —
גענוס — גענוס — געניסען —
אָ — אָ — אָ — אָ — אָ —

און טאָקע — טאָקע — טאָקע —
באַלד — באַלד — באַלד — באַלד — באַלד —
יאָ לויפען — דאָרטען — דאָרטען —
צום וואַלד — וואַלד — וואַלד — וואַלד —

(ס׳קומען אריין די טענצער אין באקכוס קאָסטיומען און טאַנצען מיט דעם געזאַנג פון גליק און זאָרגלאָזע פרייד.

נאַטורס פריידען מוטערליך
צערטעלט אזוי צאַרט,
די וועלט די לעבעדיגע
פאַרגעניגען גאַרט.

זאָלט איהר נישט פאַרהונגערען
לעבענס — לעבענס צייט,
פאַר ליבע גליק און שעהנקייט
פון נאָהנט און פון ווייט...

(אלגעמיינער טאַנץ)

איך וויל — איך וויל — כ׳וויל זיכער —
יאָ — יאָ — יאָ — יאָ — יאָ —
גענוס — גענוס — געניסען —
אָ — אָ — אָ — אָ — אָ —

און טאַקע — טאַקע — טאַקע
באַלד — באַלד — באַלד — **באַלד** — **באַלד** —
יאָ לויפען — דאָרטען — **דאָרטען** —
צום וואַלד — וואַלד — וואַלד — **וואַלד**

(אלגעמיינער טאַנץ.
(טענצערינען **טאַנץ.**

(פ אָ ר ה אַ נ ג)

(ענדע)

אייניגע אויטאָביאָגראַפישע פונקטען



אין פאריז אין יאָהר 1907

איך בין געבוירען אין פוילען, אין נאָנטע אומגעבונג פון שטאָדט קעלץ. דער טאָג און דאָס יאָהר איז נישט געוואָרען באהאלטען צום געדענקען, פילייכט קען זיך מיין געבורט-יאָהר באשטימען (ווי מיר שיינט) אויף דעם יאָהר 1887. אין מאגיסטראט איז עס דאטירט 1885. קעלץ, די שטאָדט וואו איך האָב מיך אויפגעהאלטען ביז איבער דעם צוואנציגסטען יאָהר איז א סימפּאטישע רוהיגע קליינע שטאָדט, מיט שעהנע וועלדער און לאנדשאפטען ארומגערינגעלט, און נישט אזוי סימפאטיש און גוט זיינען געוועזן מיינע צייטען דאָרט — אזוי ווי זיי זיינען געוועזן אויך נאָך שלעכט אין מאנכע אנדערע לענדער אויף מיינע וואנדערונגען.

זייענדיג קורצע צייטען אין לאָדז און אויך אין ווארשא — האָב איך ביי דעם אונגינסטיגען רעזשים פון יענער צייט באשלאָסען אָפּצופאָרען נאָך לאָנדאָן (ענגלאנד). איך האָב מיך עטוואָס דערוואוסט איבער די ראדיקאלע אידעאליסטישע ווירקונג פון פרעסע און בוך צו יענער צייט אין לאָנדאָן און אויך אביסעל וועגען די מעהר פרייהייטליכע אטמאָספערע דאָרט, און עס האָט מיך דארום געצויגען דאָרט אהין. אין לאָנדאָן האָב איך פארבראכט זעקס חדשים, אָפּגעפאָרען נאָך פאריז — די היימישע אטמאָספערע פון פראנקרייך האָט געמילדערט מיין איינזאמע שטימונג פון יענער צייט, און מיט א יאָהר שפּעטער בין איך נאָך דעם באגער פון מיין מוטער און פאָטער (האָבענדיג קרובים אין נויארק) אָפּגערייזט נאָך די פאראייניגטע שטאאטען קיין נויארק. איך האָב אבער געבענקט נאָך פאריז און בין מיט א יאָהר און א האלב שפעטער צוריק אָפּגעפאָרען קיין פאריז, דאָ האָבען זיך מיינע שווערע צייטען אויך אביסעל פארשארפט קאָמענדיג אין קאָנטראסט מיט די רעאלע נויטיגקייטען. איך האָב באַגערט דענקען, טראכטען, לעזען, שרייבען, שטודירען קונסט און ליטעראטור, און דאָ בין איך געוועזן געצוואונגען ארבייטען, האָט פיעל מאָל פּאסירט אז איך האָב פארלאָזט די ארבייט און בין אוועק אין די גערטנער פון פאריז מיט ניטשעס זאראטוסטרא אָדער מיט ביכער פון שעקספיר, געטהע, הענריך היינע, באדלער, י. ל. פרץ לאָרד בייראָן און אזוי ווייטער.

איך בין דאמאָלסט אויך איינגעלאָדען געוואָרען זיך אָנצושלי־סען אלס מיטגליד פון אידישען סטודענטען פאראיין, וואָס האָבען געהאט א קלוב מיט א ביבליאָטעק אין לאַטיינישען קוואַרטאַל, זיינען מיר זיך דארטען טעגליך צוזאמענגעקומען און אן אינטעליגענטע אַטמאָספערע. פון צייט צו צייט זיינען געווען אווענטען, ליטעראַרישע און קאָנצערטיסטישע. געוואוינט האָב איך אויך אין לאַטיינישען קוואַרטאַל, אין א קליינעם האָטעל געגען איבער דעם גרויסען סאָרבאָן, וואו איך בין אויך פון צייט צו צייט געקומען אין דער סאָרבאָן ביבליאָטעק און געלעזען ליטעראַטור און אויך זיך באַקענט מיט סטודענטען פון אינטערנאַציאָנאַלער פארשידענאַרט, אויך בין איך מיך אָפּט צוזאמענגעקומען מיט דער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ, ווע־רענדיג אויך באוויךקט פון דער רעוואָלוציאָנערער שטימונג און אַט־מאָספערע פון יענער צייט.

און מיט אַמאָל האָב איך אָנגעהויבען בענקען נאָך פּאָעטישע שענהייטען פון לענדליכקייט, און איך האָב אויפגעגעבען מיין פּאָזי־ציע פון ארבייט וואָס איך האָב דאמאָלסט גראָד געהאט און בין אוועק נאָך דער שווייץ, אויך דאָ איז דער האָניג פון מענשליכער עקזיסטענץ פאר מיר געווען א ביטערער גענוס, דאָך האָב איך פערזענליך מאַ־נעווירט, מיט פוס מאַרשירט און אמאָל מיט באַן אין מאַנכע שעהנע פלעצער אין דער גרויסער נאַטור פון שווייצער־לאַנד.

אלזא צוריק קיין פאריז און ווידער געוואַנדערט נאָך דייטשלאַנד, עסטרייך און פאר גרוים פארצווייפלונג צוריק קיין פוילען, וואָס איך האָב מיך פארטראַכט אז איך וועל אפשר פריי ווערען פון פריזיוו און וועל אזוי נאָך פיליכט אויסבעסערען מיין מדרגה, און טראָץ דעם וואָס איך האָב מיך צוגעשטעלט צום פריזיוו מיט פינף יאָהר שפּעטער איז נישט געווען מעהר ווי איין קליינינקייט — גאַדיען — פריניאַט (צוגענומען).

איך האָב מיך אריבערגעכאַפּט די גרעניץ צוריק קיין אויסלאַנד, און מיינע א שוועסטער האָט מיר אויסגעהאָלפען מיט א שיפסקאַרטע און האָב אפּגערייזט אין יאָהר 1913 צוריק נאָך אמעריקא, ניו יאָרק.

יעצט ווידער — די ערשטע איינינגע יאָהרען בין איך געווען דער מאַרטירער פער עקסעלענץ — איך האָב מיך אלזאָ דערוואוסט ווי וויט עס קען שלעכט זיין. עס האָבען זיך אָנגעהויבען ווייזען בעסערע צייטען פון פינאַנץ, איך האָב געפונען גיכער ארבייט און האָב מיר פון צייט צו צייט אָנגעזאמעלט קאַפּיטאַל און האָב מיר יום טוב געמאַכט, געוואָרען א טוריסט פון צייט צו צייט און באזוכט אייראָפּא, פאריז, בערלין, וויען, ווארשא, איטאַליען, שפּאַניען און די פראַנ־צויזישע ריוויערא, און האָב מיך אָנגעהויבען פּיהלען מעשה מענש, באַקומען אביסעל וועלטליכען קאָנטאַקט און אביסעל אוים די גערט־נער פון מילדקייט און ליכטיגקייט, וואָס איך האָב נאַטירליך אויך מיט אייגענע אָנשטרענגונג און איניציאַטיווע אויף אזוי וויט פאר מיר געקענט רעאַליזירען.

איינִיגע אויטאָ־ביבליאָגראַפישע פּונקטען

איך האָב אָנגעפאַנגען שרייבען ווען איך בין אַלט געווען אַכצעהן יאָהר, און מיין שעהנע האַנדשריפט איז שוין געווען אַביסעל באַקאַנט אַזוי, אַז אַ חבר האָט זיך שוין צו מיר געווענדט אַז איך זאָל איהם שרייבען אַ ליבע בריף.

איך פלעג שרייבען און מיט מיר געהאַלטען מיינע מאַנוסקריפּ־טען און זיך געשאַרפט אין זעלבסט ענטוויקלונג, אין זעלבסט קענט־שאַפט — דורך לעזען און דענקען, געלייטערט און ראַפינירט — אויף אַזוי וויט נאָך מיינע באַגריפען.

אין יאָהר 1916 — אַרויסגעגעבען מיין ערשט ביכעל באַטיטעלט „אין גאָרטען פון טרוים" (פּאָעזיע), ערשינען אין טויזענט עקזעמפּ־ליאַרען. אין יאָהר 1917—„פעלזען קלאַנגען" (פּראָזא שריפטען און פּאָעזיע.) טויזענט עקזעמפּליאַרען. אין יאָהר 1919—„דער טהורם פון בלויער בענקשאַפט" (פּראָזא און פּאָעזיע.) צוועלף הונדערט עק־זעמפּליאַרען. אין 1922—„דער ספּעקטאַקעל פון די פּיראַמידען", פופצעהן הונדערט עקזעמפּליאַרען. אין 1929—„אַלטע מענשען ווע־רען יונג", (קאָמעדיע), אַכט הונדערט עקזעמפּליאַרען. אין 1935— אַרויסגעגעבען דעם ערשטען סיסטעמאַטישען באַנד פון מיינע פּאָע־טישע ווערק, אַ באַנד פון הונדערט מיט צוועלף זייטען באַטיטעלט „אויף גרויסער וועלט", ערשינען אין טויזענט עקזעמפּליאַרען — פאַרברייט די גאַנצע אויפלאַגע דורך פּערזענליכען זעלבסט־פאַרקויף.

אין דעם בוך „אויף די רעלסען פון אידעאַלען" קומען מיינע פּראָזא ווערק ביז דער יעצטיגער צייט. איך האָב יעצט אויך אין געדאַנק אַ דריטען באַנד וואו עס וועלען קומען נייע פּאָעטישע און פּראָזא ווערק און אויך אַ דראַמאַטישע דיכטונג באַטיטעלט „וועגו־לאַרא", וואָס איז שוין געווען געדרוקט פראַגמענטען־טייל אין מיינע פריהערדיגע אויסגאַבען. איך בין אויך פאַרנומען מיט אַ פּלאַן וועגען נאָך אַ דראַמאַטישער דיכטונג, און אויך האָב איך אין געדאַנק צו שאַפען אַ צוקונפטס־ראָמאַן, וואָס אין דעם בוך איז דאָ דער פּרעליוד באַטיטעלט „אַדאַל ברעזאַר", און איך קאָנצענטריר מיינע אידעאַלען אין דער ווירקליכקייט צו רעאַליזירען.

אינהאַלט

	זייט
בילד	3
אַדאַל ברעזאַר	5
דאָס פּאָעטישע מעדיום	17
דאָס אַריסטאָקראַטישע אין דער מוזיק	23
די פּאָעטישע אימפּעריע	27
פריהלינגס פּרעליודען	29
מאַי	30
דער אינזעל דירקאַטשיאַ ספּאַראַ	33
דער שטאָט שאַרפּיס רבים	43
דער אורטהייל	46
נאָך אַמעריקאַ	48
געדאַנקען אויף דעם צימבעל	50
אַלטע מענשען ווערען יונג	57
אויטאָ־ביאָגראַפישע פונקטען	109
אויטאָ־ביבליאָגראַפישע פונקטען	111